Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראָשען

היינט 10 זייטען

נייער פאָלקסבלאַט

№ 177 | Łódź, Niedziela, 31 lipca 1932 r. | צענטער יאָהרגאַנג | לאָדז, זונטאָג, כ"ז תמוז תרצ"ב | № 177

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאַווער 21, טעל. 224-71

היינט פּאַרלאַמענט-וואַהלען אין דייטשלאַנד

בלוטיגע וואַהל-אַגיטאַציע אין גאַנץ דייטשלאַנד

בערלין, 30 (ספּ. טעל.) צו די היינטיגע פּאַרלאַמענט-וואַהלען שטעלען זיך עטליכע און צוואַנציג פּאָליטישע גרופּירונגען, וועלכע האָבען אַריינגעטראָגען וואַהל-ליסטעס.

די וואַהל-אַגיטאַציע געהט מיט אַ געוואַלדיגען ברען און עס קומען אָפט צו בלוטיגע צוזאַמענשטויסען, בעזונדערס צווישען די היטלעריסטען, סאָציאַליסטען און קאָמוניסטען.

מען רעכענט, אַז עס וועט דעם קאַנצלער היינט נישט געלונגען צו בעקומען אַ דויערהאַפטע מעהרהייט אין נייעם פּאַרלאַמענט.

בערלין, 30 (ספּ. טעל.) די וואַהל-אַגיטאַציע האָט נעכטען דערגרייכט צו אַ געוואַלדיגער אָנשטרענגונג.

פון אַלע שטעט אין דייטשלאַנד קומען אָן ידיעות וועגען בלוטיגע געשלעגען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער וואַהל-אַגיטאַציע. מען מעלדעט אויך וועגען הונדערטער פאַרוואונדעטע.

אין בערלין זענען אַ חוץ מאַסען פאַרוואונדעטע, אויך פאַראַן 5 טויטע.

בערלין. 30 (ספּ. טעל.) אין דרום-טייל פון דער שטאָט איז נעכטען געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישען היטלעריסטען און „אייזערנעם פראָנט". ס'איז געקומען צו אַ שיסעריי, 9 פּערזאָן זענען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן און 3 פּערזאָן האָט מען אין אַ גוססדיגען צושטאַנד אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל.

בערלין, 30 (ספּ. טעל.) נעכטען איז אַראָפּגעפאַלען אַן אַעראָפּלאַן, וועלכער האָט געוואָרפען וואַהל-פלוג-בלעטער פון דער צענטער-פּאַרטיי.

דער פּילאָט איז דערהרגעט געוואָרען אויפן אָרט און דער פאַרוואונדעטער פּאַסאַזשיר איז געשטאָרבען אין שפּיטאָל.

בלוטיגע ערב-וואַהלען אין דייטשלאַנד

לייפּציג, 30 (פּאַט) יעדען טאָג קומען פון פאַרשידענע אינדוסטריע-ערטער ידיעות וועגען בלוטיגע קאַמפען צווישען קאָמוניסטען, היטלעראָווצעס און רייכסבאַנער אָדער ס. ד. בעזונדער אומרוהיג איז געווען דער 26-טער יולי אין לייפּציג, ס'איז עטליכע מאָל געקומען צו שאַרפע אומרוהען, מיט אַ פּאָר צענדליג לייכט און שווער פאַרוואונדעטע.

אין בראַנדיס, נעבען לייפּציג, איז אויסגעבראָכען אַ שאַרפער קאַמף צווישען אַ גרופּע היטלעראָווצעס און קאָמוניסטען און עס זענען געבליבען אויפ'ן פּלאַץ 10 פאַרוואונדעטע, דערין 3 שווער.

אין צוויקאַו האָבען מיטגלידער פון רייכסבאַנער דעמאָלירט אַ היטלער-הויז.

אַ שטאַרק געשפּאַנטע שטימונג איז אויך אין כעמניץ, מערזעבורג און מיטווייד, וואו עס קומט יעדען טאָג צו שאַרפע צוזאַמענשטויסען.

אין פּרענצלאַו זענען קאָמוניסטען בעפאַלען געוואָרען בעת זיי זענען געגאַנגען אויף אַ פאַרזאַמלונג און עטליכע פון זיי זענען שטאַרק צושלאָגען געוואָרען.

דער סך-הכל פאַר דער וואָך איז 15 שווער פאַרוואונדעטע, 35 לייכט פאַרוואונדעטע און בין 70 שטאַרק צושלאָגענע.

פערשאַרפטע יודען-העצע
פאַר די פּאַרלאַמענט-וואַהלען אין דייטשלאַנד

בערלין. (יט"א) אויף דער פּרעסע-קאָנפערענץ, וואָס איז לעצטענס צונויפגערופען געוואָרען דורכ'ן צענטראַל-פעראיין האָבען ד"ר לודוויג האָלענדער און ד"ר הירשבערג אָנגעוויזען דערויף, אַז אין דער לעצטער צייט לאָזט זיך בעמערקען אַ פערשאַרפונג פון דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע מצד די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטען. דאָס דאַרף ערקלערט ווערען דערמיט, וואָס די פּאַקטישע לאַגע פון די נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטען צוליב דער מיטפאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר די שריט פון איצטיגען קאַבינעט, איז בעזונדערס שווער. עס איז פאַרהאַן אַ טענדענץ צו מאַכען די יודען פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַלע בלוטיגע אויסשרייטונגען אין דייטשלאַנד. אין ברעסלאַו (שלעזיען) האָבען די היטלערלייט פערשפּרייט קלאַנגען, אַז אין דער אָרטיגער שוהל ליגט בעהאַלטען פיל געוועהר. די „שלעזישע וואַהל-צייטונג" בעשולדיגט דירעקט דעם אָרטיגען „צענטראַל-פעראיין" אין בלוט-טאַטען. אין ברעסלוי ווערען פערשפּרייט פלוג-בלעטלעך אין פאָרם פון וויזיט-קאַרטען, וועלכע בעהויפּטען, אַז די סינאַגאָגע האָט אויפגעפאָדערט צו שטימען פאַר די סאָציאַליסטען, קאָמוניסטען אָדער צענטרום. אַזוי אַרום פּרובט מען צו דיסקרעדיטירען די יודישע קהלות און פערשטאַרקען די אַנטי-יודישע שטימונג.

הגם מען מוז זיך ריכטען אויף ביטערע צייטען, דאַרף מען אָבער נישט שטעלען קיין צו טונקעלע פּראָגנאָזע. די איצטיגע רעגירונג איז פּעראינטערעסירט צו בלייבען ביים רודער און אָפּהיטען די רוה אין לאַנד.

ד"ר רייכמאַן האָט בעטאָנט, אַז אין פּיל ערטער האָט זיך פערשטאַרקט די קאָנטער-אַקציע געגען היטלעריזם. ד"ר שטיינבערג און ד"ר אויערבאַך האָבען זיך אַרויסגעזאָגט פאַר שאַפען אַן אייניהייטליכען יודישען פראָנט פאַר שוץ געגען דער אַנטיסעמיטישער געפאַהר. דירעקטאָר האָלענדער האָט בעגריסט די דאָזיגע איניציאַטיוו און האָט אָנגעוויזען דערויף, אַז די אינערליך-יודישע געגענזאַצען זענען לעצטענס בעדייטענד אָפּגעשוואַכט געוואָרען.

51 דייטשע פּראָפעסאָרען
שטיצען דעם נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם

שטוטגאַרט (יט"א). 51 דייטשע הויכשול-פּראָפעסאָרען האָבען אונטערגעשריבען אַן ערקלערונג, וואָס רופט צו שטיצען דעם נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם. הגם די פּראָפעסאָרען האָבען געוויסע בעוואָרגישען, שטיצען זיי אָבער פולשטענדיג די הויפּט-פּרינציפּען פון היטלעריזם ווי „בעקעמפען פון פרעמדראַסיגע איינפלוסען", „בעפרייאונג פון דער מלוכה און פון סאָציאַלען לעבען פון די מאַטעריאַליסטישע קייטען פון פינאַנץ קאַפּיטאַל" אא"וו.

אַלע אונטערגעשריבענע, אויסער דעם ראָסטאָקער פּראָפ. גיגטער פון יענא און פּראָפ. האַלער פון טיבינגען, זענען בעקאַנט בלויז אין זייער ענגען קרייז.

צענטרום-פּאַרטיי אין דייטשלאַנד שטעלט נישט אַרויס קיין איין יודישען קאַנדידאַט

בערלין (יט"א). די צענטער-פּאַרטיי אין דייטשלאַנד האָט נישט אַרויסגעשטעלט קיין איין יודישען קאַנדידאַט אויף איהרע ליסטעס צו די רייכסטאַג-וואַהלען. ווי מען טיילט מיט, זאָלען די פיהרער פון „צענטרום" זאָגאַר האָבען מיטגעטיילט די יודישע כלל-טוער, אַז זיי בעדויערען וואָס דיר. קאַרעסקי האָט סיגורירט לעצטענס אויף דער צענטרום-ליסטע. ווייל דאָס האָט געבראַכט שאָדען דער פּאַרטיי.

פערמשפּט צום טויט קאָמוניסטען אין בודאַפּעשט

בודאַפּעשט, 30 (ספּ.)

דאָס קריגס-געריכט האָט פערמשפּט צום טויט דורך הענגען די צוויי קאָמוניסטען סאַלוי און פורעסט. זיי זענען בעשולדיגט געוואָרען אין רעוואָלוציאָנערע מעשים.

אַטענטאַט אויפ'ן פּרעזידענט פון האַוואַנאַ

האַוואַנאַ, 30 (ספּ.)

מען האָט דאָ ענטדעקט אַ פערשווערונג פון רעוואָלוציאָנערען. די פערשווערער האָבען געוואָלט דערמאָרדען דעם פּרעזידענט פון האַוואַנאַ.

געעפנעט דעם רומענישען פּאַרלאַמענט

בוקאַרעשט, 30 (ספּ. טעל)

דער רומענישער קעניג האָט היינט געעפנעט די סעסיע פון רומענישען פּאַרלאַמענט.

Dr. Robinzon
אָרדינירט אין פּאַדעמביצע
ווילאַ וויעטשאַרקאָווסקי.

גמנסיה בת שמנה מחלקת לנערים „בית-אלפא"
PIOTRKOWSKA 111 (Al. Kościuszki 48)
מיר מאַכען בעקאַנט, דאָס אונזער לעהר-אַנשטאַלט ווערט פון נייעם שול-יאָהר פולשטענדיג רעאָרגאַניזירט און געפינט זיך אין אַ נייעם פּאַסיגען לאָקאַל, וועלכער ענטשפּרעכט דער ערפאָדערונגען פון דער מאָדערנער שול-היגיענע. דאָס גימנאַזיום איז איצט אונטער אַ נייער לייטונג פון אַ געניטען און אַ בעוואוסטען פּעדאַגאָג.
די אויפזיכט איבער די יודאַיסטישע למודים האָט איבערגענומען דער בעוואוסטער קולטורעלער עסקן ה' ד"ר פעלדמן, וועלכער וועט שטעהן אויף דער וואַך פון דערהאַלטונג די ערציהונג אין שטרענג יודיש-טראַדיציאָנעלען גייסט.
די איינשרייבונגען אין אַלע קלאַסען קומען פאָר ביז דעם 1-טען ווערזשעשיען. דערווייל אין אַלטען לאָקאַל צעגעלניאַנאַ 28, טעל. 176 46.
בעדייטענדע הנחות פאַר אונפערמעגליכע און פעהיגע שילער. ספּעציעלע ערגענצונגס-קורסען פון יודאיק וועלען טעטיג זיין פאַר שילער אַבסאָלווענטען פון די פּאָווזעכנע שולען.
די פערוואַלטונג.
4523

פאַר מאַגענליידענדע
ראַבאַרבער-וויין
פּיפּסין-וויין
איז פּרימאַ קוואַליטעט
צו בעקומען אין דער ווייןהאַנדלונג פון
E. SZYKIER
Północna 1, tel. 107-84

כעמיש-
באַקטעריאָלאָגישע
לאַבאָראַטאָריע
פון מאַגיסטער
נ. שאַץ
פּיעטריקאָווער 37
פראָנט, 2 שטאָק.
אַנאַליזען פון קאַל, אורין
לייכען און אנד.
מעסיגע פּרייזען.

Dr. med.
D. ROZENCWAJG
האָט זיך איבערצויגען אויף
16 Narutowicza 16
(Piłsudskiego 76)
Telefon 128-74.
נעהמט אָן פון 10-9 פריה און פון 7-6 אָווענד.

Dr. Wajnberg
ציגעל-גאַס 11, טעל. 126 02
ספּעציאַליסט פון הארץ- און לונגען-קראַנקהייטען
צוריקגעקעהרט.
נעמט אָן פון 9-10 פריה, 3-4 און 8-9 אָווענד

רעשטען
לאָדז, נאָוואָמיעסקאַ 5
פראָנט, 2-טער שטאָק
פערשידענע קאַמגאַרנס,
ביליצער, מאַמאַשאַווער און לאָדזער
אויף אַנציגער און פּאַלטענס
ווי אויך די מאָדערנסטע דאַמען-
שטאָפען אויף פּאַלטנס און קאָסטיומען
מיט 30% בילליגער
קומט און איבערצייגט אייך, ביי
SZCZĘSLIWY
געדענקט נאָר
אין פראָנט, II שטאָק

פּאַר גאָלד, בּיזשוטעריע
און לאָמבאַרד-קוויטעס
צאָהלט די העכסטע פּרייזען
איזידאָר פּיאַלקאַ, פּיעטריקאָווער 7

Dr. med.
LUDWIK RAPEPORT
אורלאָג
ספּעצ. פאַר נירען, בלאָז- און אורין-קראַנקהייטען
האָט זיך איבער- (פריהער 40) געצויגען אויף ציגעל-גאַס 8 טעל. 236-90.
עמפּפאַנגס-שעה ן פון 9-10 פריה און 6-8 אָוו.

ד"ר. מעד. בערמאַן
צעגעלניאַנאַ 15, טעל. 149-07.
ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט- און געשלעכטס-קראַנקה.
מענער-שוואַכע בעהאַנדלונג.
נעהמט אָן פון 8-11 פריה און פון 4-8 אָווענד,
זונטאָג פון 9-1 בייטאָג.
פאַר אונבעמיטעלטע—לעטשניצע-פּרייזען.

Dr. med. ARTUR KUHNEL
choroby kobiece i akuszerja
powrócił
Radwańska 25, tel. 178-02, od 5-7 w.

אנטי-יודישע עקסצעסען אין טוניס

11 יודען און הרב כהן פערוואונדעט

מיליטער קעמפט מיט די ווילדע אראבישע מחנות

טוניס, 30 (יט"א טעלעגראפיש)) אין דער שטאט האבען אויסגעבראכען אנטי-יודישע עקסצעסען, בעת וועלכע 11 יודען זענען פערוואונדעט געווארען, הערונטער דער רב שמעון כהן. דער צושטאנד פון דעם פערוואונדעטען יוד יעקב עמער'י איז א האפנונגסלאזער.

די עקסצעסען האבען אויסגעבראכען צוליב א מחלוקה פון א יודישען קרעמער מיט זיין אראבישען קונה, דער אראבער האט געבראכט א מחנה מוסולמענער, וועלכע האבען גענומען דעמאלירען דאס יודישע געשעפט. די פאליציי איז געווען צו שוואך אויף צוצוטרייבען דעם המון. די פאליציי האט דיע רום ארעסטירט דעם יודישען קרעמער, כדי אזוי ארום איהם אפצוראטעווען פון דעם אויפגערעגטען המון. די אראבער האבען זיך דאן אין די טויזענדער א לאז-געטון אין דעם יודישען קווארטאל, שלאגענדיג יעדען יוד, וואס זיי האבען בעגעגענט דער ווילדער המון האט זיך אריינגעריסען אין דער שוהל, וואו זיי האבען פערוואונדעט דעם רב כהן און אנדערע יודען, וואס האבען זיך גראד געפונען אין דער שוהל.

די מאכט, אפגעבענדיג זיך א דין וחשבון פון דער געשאפענער לאגע, איז געצוואונגען געווען ארויסצורופען מיליטער, וועלכע איז נאך א שארפען אנגריף געלונגען פונאנדערצוטרייבען דעם המון.

איצט פאטרולירען איבער די גאסען גרויסע מיליטער-אפטיילונגען. די רוה איז שוין צוריק-געשטעלט געווארען. נישט קוקענדיג דעריויף, האלטען „מכבי" און ברית טרומפעלדאר זייערע מיטגלידער אין קאמפס-גרייטקייט.

גענעראל שלייכער'ס רעדע געמאכט א שלעכטען רושם אין פראנקרייך

פאריז, 30 (ספ.)

גענ. שלייכער'ס רעדע מיט די אנפאלען אויף פראנקרייך האט געמאכט דא א שווערען איינדרוק. העריא האט ארויסגערופען צו זיך דעם דייטשען אמבאסאדאר און מיט איהם געהאט א ארציגען שמועס מכוח שלייכער'ס רעדע. שלייכער האט זיך דערלויבט צו בעצייכנען די פראנצויזישע ענטוואפנונגס-פאליטיק מיט'ן ווארט צביעות — א נישט געהערטע זאך אין דער דיפלאמאטיע.

איצט פרובירט מען זיך דעם איינדרוק פערווישען, פערגלעטען.

פערהאו אויף ידיעות, אז פאן פאפען זאל האבען פערגלייכט העריא'ן א מיליטערישען בונד, נאר העריא האט קאלט אויפגענומען דעם פארשלאג.

בערלין, 30 (ספ.)

ווי די פרעסע איז מודיע האט דער פראנצויזישער אמבאסאדאר פאנצעט געמאכט א דעמארש אין נאמען פון פראנקרייך ביים דייטשען אויסערן-מיניסטער אין צוזאמענהאנג מיט דער רעדע פון גענעראל שלייכער. די דייטשע רעגירונגס-פרעסע שרייבט, אז צווישען דעם פרעמיער פאן פאפען און גענעראל שלייכער איז נישטא קיין הסכם.

מען מאכט אלע בעמיהונגען אפצושוואכען דעם איינדרוק פון דער אנטי-פראנצויזישער רעדע פון גענעראל שלייכער.

גארגולאוו האט אפגעגעבען א בקשה צו רעווידירען זיין טויט-אורטייל

פאריז, 30 (ספ, טעל.)

גארגולאוו האט היינט אונטערגעשריבען, צום העכסטען געריכט, א בקשה צו רעווידירען דעם טויט-אורטייל, וואס דאס געריכט פון געשווארענע האט אויף איהם ארויסגעגעבען.

דעם רעזולטאט וועט מען וויסען אין א חודש ארום.

היינטיגער „ים-יום-טוב" אין גדיניע

גדיניע, 30 (טעלעפאניש)

די שטאט איז הערליך דעקארירט און איללומינירט.

ביז'ן אווענד זענען אנגעקומען אין שטאט 28 טויזענד מענשען. מען דערווארט נאך אין משך פון דער נאכט דאס אנקומען פון נאך א גרעסערע צאהל מענשען.

עס ווערט ביליגער פאפיר

ווארשא, 30 (טעלעפאניש)

צוליב'ן בעשלוס, פון 1-טען אויגוסט ביליגער צו מאכען דעם פרייז פון אינלענדיש פאפיר, האט דאס פינאנץ מיניסטעריום, אין פערשטענדיגונג מיט'ן האנדעלס מיניסטעריום, בעשלאסען נישט צו געבען קיין צאל-הנחות אויף אויסלענדיש פאפיר פאר צייטונגען, פאק און קאנצעלאריע.

פיל אמעריקאנער יודען קעהרען זיך צוריק פון בירא-בידזשאן

מאסקווע. (יט"א) דער „עמעס" טיילט מיט, דאס א רייה יודישע משפחות פון לאס-אנדזשעלאס וועלכע זענען אנגעקומען קיין בירא-בידזשאן אין חודש יוני ה. י., כדי זיך דארט צו בעזעצען, פערלאזען בירא-בידזשאן און קעהרען זיך צוריק ענטווישטע קיין אמעריקא אדער פרובען זיך איינצוארדנען אין מאסקווע.

דער „עמעס" קריטיקירט שארף דעם אמעריקאנער „איקאר" פאר שיקען געוו. העגדלער און שפעקולאנטען, וועלכע טויגען נישט פאר בירא-בידזשאן און פערשפרייטען זייערע קאנטר רעוואלוציאנערע שמועות. עס ווערט אויך שארף פאר-געווארפען, אז מען האט די צוקונפטיגע איבער-וואנדערער נישט געניי אויפגעקלערט די שווערע לעבענס-בעדינגונגען אין בירא-בידזשאן.

דער „עמעס" טיילט אויך מיט וועגען א שארפען אנטאגאניזם צווישען די פריהערדיגע איבער-וואנדערער און די ניי-אנגעקומענע אויסלענדער. די קאלאניע „יקאלא"-עוואַ האבען פעהלט א היפעל איבערוואנדערער. דער „עמעס" ציטירט די ווערטער פון אמעריקאנער יוד פילצמאן, וועלכער האט פערלאזענדיג בירא-בידזשאן אפען ערקלערט, אז בעסער איז צו שטעהען אין דער רייה באך הובער'ס פילאנטראפישער זופ אידער ווארטען אויף די סאוויעטישע גליקען".

וועגען פויליש-סאוויעטישען נישט-אנגריפס-אפמאך

ערקלערונגען פון פוילישען אמבאסאדאר אין רומעניען

בוקארעשט, 30 (ספ.)

דער פוילישער אמבאסאדאר שומבעק האט אויפגענומען פערשטייער פון דער רומענישער פרעסע און האט זיי געגעבען אויספיהרליכע דערקלערונגען וועגען פויליש-סאוויעטישען אפמאך.

פוילען ענטוויקעלט איהרע בעציהונגען מיט אנדערע פעלקער אין צוויי ריכטונגען: אויף צפון מיט די סקאנדינאווישע און באלטישע לענדער און אויף דרום מיט רומעניע. „די יסודות פון בונד מיט רומעניע בלייבען אין אלע הינזיכטען נישט גע-ריהרט... דער נישט-אנגריף אפמאך איז אין די ארטיקלען 2 און 4 אזוי רעדאגירט, אז מצד פוילען זענען גענומען אין אכט די אינטערעסען פון דער צוזאמענארבייט מיט רומעניע".

„פוילען נעמט אויף זיך פערפליכטונגען מיטן פולען געפיהל פון אחריות און מיט א פעסטען ווילען זיי אויסצופיהרען. דאס איז שייך סיי די דע-ציזיעס וועגען נישט-אנגריף בנוגע ראטען-פערבאנד, סיי ביונע ענגער מיטארבייט מיט רומעניע. א גלייכער אויסדרוק פון די בירע יסודות פון אונזער אויסערן-פאליטיק איז — דער פויליש-סאוויעטישער אפמאך.

דא דערמאהנט דער אמבאסאדאר דעם מאס-קווער פראטאקאל פון 1928 (קעלאג-פאקט). וועלכען ס'האבען אונטערגעשריבען גלייכצייטיג עסט-לאנד, לעטלאנד, פוילען און רומעניע.

באלד דערנאך האבען אלע אנגעהויבען אינטערהאנדלונגען וועגען נישט-אנגריף אפמאכען מיט די סאוויעטען אלס דערגענצונג און ווייטער-דיגע ענטוויקלונג פונ'ם קעלאג פאקט עס פער-שטעהט זיך, אז יעדער אינדיווידועלער אפמאך וועט האבען א גרעסערע בעדייטונג און די אט-מאספער פון צוטרוי וועט זיין אלץ פערטיפטער, וואס מעהר די מערב גרענעצען פון ראטען-פערבאנד וועלען זיין ארומגענומען דורך נישט-אנגריף-אפמאכען. אויב וועלכע ס'נישט אין פון אט די אפמאכען זאל נישט אריין אין קראפט, וואלט דורכדעם געווען בעדייטענד אפגעשוואכט דער ווערט פון די איבעריגע אפמאכען. מען קאן זיכער האפען, אז מיט אלגעמיינע כוחות פון אלע וואס ווילען אויפריכטיג פערפעסטיגען דעם שלום, וועט דער דאזיגער אונטערשיד ווערען אויסגע-גליכען און די וויכטיגע זאך פון סאנירען די בע-ציהונגען אין מזרח-אייראפא וועט דערפיהרט ווע-רען ביז א גוטען סוף".

מארשאל פילסודסקי אפגע-פאהרען פון ווילנע

ווילנא, 30 (טעלעפאניש).

מארשאל פילסודסקי איז אפגעפאהרען קיין פיקילישקי. דער באטשאפטער פאטעק בלייבט אין ווילנא נאך א טאג און ווייצע-מיניסטער בעק איז אפגעפאהרען קיין ווארשא.

„גראף צעפעלין" קומט היינט קיין דאנציג

דאנציג, 30 (ספ. טעל.)

היינט זונטאג קומט צו פליהען קיין דאנציג די לופט-שיף „גראף-צעפעלין".

באן-קאטאסטראפע מיט 50 פערוואונדעטע

טשעוו, 30 (ספ.) פרייטאג 11 פריה איז פארגעקומען א קאטאסטראפע מיט'ן שנעל-צוג נומער 1402, וואס גייט געפאהרען קיין גדיניע מיט עקס-קורסאנטען צום ים.

ווען דער צוג איז געווען אין פולען גאנג צווישען סובקאוו און נארקאוו, זענען אראפ פון די רעלסען 6 וואגאנען. עס זענען דא 50 פערוואונ-דעטע צווישען זיי זענען 6 אין א שווערען צושטאנד.

2 פערוואונדעטע זאלען זיין געשטארבען אין שפיטאל.

מיט א קורצער צייט פריהער איז דורכגעגאנגען בשלום דער צוג ווארשע-גדיניע.

א נארמאלער שנעל-צוג בעשטייט פון 9 וואגא-נען. דער צוג, מיט וועלכען עס איז געשעהען דאס אומגליק, איז געווען צוזאמענגעשטעלט פון 14 וואגאנען פון לעמבערג, קראקע, פויזען.

ווארשא, 30 (טעלעפאניש פון אונזער קא-רעספאנדענט)

ווי דאס קאמוניקאציע-מיניסטעריום האט נאך נישט אויספארשונג פעסטגעשטעלט, איז די באהן-קא-טאסטראפע געשעהען צוליב דעם, וואס דער צוג איז צו שנעל געגאנגען גראד אויף דעם א"ש, וואס מען האט געהאלטען אין צורעכט-מאכען די שינעס.

דער נארמאלער באהן-פערקעהר איז שוין בעל-טען צוריקגעשטעלט געווארען.

צום אונטערגאנג פון דער שול-שיף „ניאבע"

די מאטראזען-שילער אויפ'ן דעק



די שיף אויפ'ן ים

סטארשי פעלדשער

M. Lederman

פילסודסקיעגא 27, טעל. 226-09

געוו. פעלדשער פון דער אוניווערזיטעטס-קליניק אין ווארשע ביים שפיטאל Dzieciątka Jezus

טעטיגער פעלדשער פון דער געזונדהייט-אפטיילונג ביים לאדזשער מאגיסטראט, 4455

נעמט אן פון 8-11 פארמ, און פון 3-6 נאכמ.

אלוועלטליכע ספארט-אלימפיאדע
נעכטען געעפענט אין לאס-אנדזשעלאס
עס נעמען אנטייל ספארטלער פון 50 מלוכות

לאס-אנדזשעלאס, 30 (ספ. טעל.) נעכטען האט זיך דא געעפענט די אלוועלטליכע ספארט-אלימפיאדע.

עס בעטיילינען זיך ספארטלער, וועלכע רעפרעזענטירען 50 מלוכות.

אויפ'ן סטאדיום הענגען פאהנער פון 50 מלוכות.

די ספארט-שבועה האט אפגעגעבען דער ספארט=וועטעראן מארגאן טאילאר, נאכדעם איז פארגעקומען א דעפיליאדע פון אלע ספארטלער וועלכע בעטייליגען זיך אין די פערמעסטונגען, וואס הויבען זיך אן היינט, זונטאג.

פונאנדערגעלאזט דעם ביאליסטאקער שטאט-ראט

ביאליסטאק, 30 (טעלעפאניש).

דער ביאליסטאקער שטאט-ראט און מאגיסטראט זיינען פונאנדערגעלאזען געווארען.

דער טערמין פון נייע וואהלען איז נאך נישט בעשטימט.

ארעסטירט דעם לאדזער קאמוניסטישן דעפוטאט ראזענבערג

ווארשא, 30 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט).

ערב דעם 1 אויגוסט זיינען נעכטען אין ווארשא פארגעקומען אין עטליכע טיילען פון שטאט קאמוניסטישע דעמאנסטראציעס, וואס זיינען פונאנדערגעטריבען געווארען דורך פאליציי. עס איז אויך ארעסטירט געווארען דער לאדזער קאמוניסטישער דעפוטאט ראזענבערג.

יוגאסלאווישער מיניסטער דריקט אויס אנערקענונג דעם יודישען יוגענד=פערבאנד

בעלגראד, (יט"א) דער יוגאסלאווישער מיניסטער פאר פיזישער ערציהונג דר. קראליעוויטש האט בעזוכט די טעג דעם זומער-לאגער פון יודישען יוגענד-פערבאנד אין קראנסקא גארא (אלפען). דער מיניסטער האט אויסגעדריקט זיין אנערקענונג דער יודישער יוגענד פאר דער מוסטערהאפטער דיסציפלין, וואס הערשט אין לאגער.

דער יודישער יוגענד-פערבאנד, וואס ווערט געפיהרט אין גייסט פון השומר-הצעיר, צעהלט 2000 מיטגלידער, מעהרסטענס סטודענטען, שילער און אנגעשטעלטע.

קאמף צווישען אמעריקאנער אינוואלידען און פאליציי

וואשינגטאן, 30 (ספ. טעל.) דאס מיליטער האט בעוויזען אפצורייניגען די באגוס-קאזארמע אין צענטער שטאט און די קאזארמע אין אנאקאסטיא 5 מייל הינטער די שטאט. די צווייטע קאזארמע אין וועלכער עס זיינען געווען 7000 געוו. זעלנער און חוץ דעם נאך 380 פרויען און 488 קינדער, איז געווארען בעפרייט מיט דער הילף פון טרעהרען-באמבעס און דערנאך אונטערגעצונדען. די צאהל געליטענע איז איבער 50, די מעהרהייט האבען בעקומען לייכטערע וואונדען פון שלעפ מיט גומענע שטעקלעך אדער פון שטיינער. עטליכע זעלנער האבען זיך פערסמט מיט גאז, און עטליכע האבען זיך אבגעבריט.

וואשינגטאן, 30 (ספ.) ביים קאמף פון מיליטער מיט די אינוואלידען האט דאס מיליטער קוים כל בעזייטיגט דעם לאגער פון די פרויען פון די מלחמה-אינוואלידען, וועלכע האבען זיך בעטייליגט אין די אינוואלידען - דעמאנסטראציעס צו די זעלנער, וואס האבען געווארפען טרעהרען-באמבעס, האבען די אינוואלידען געשריען: —„איהר וועט בעקומען פאר דעם מעדאלען".

די גאנצע אמעריקאנער פרעסע איז פול מיט בעשרייבונגען וועגען דער מלחמה פון די זעלנער מיט די מלחמה-אינוואלידען.

רומעניען און ארץ-ישראל
געפלאנטע פערבעסערונג פון שיפס-פערקעהר

בוקארעשט. (יט"א) דער רומענישער שטאטס-סעקרעטאר און לייטער פון פרעסע-אמט טילעא האט זיך א געשפרעך מיט'ן יט"א-פארשטעהער ערקלערט, דאס די נייע רומענישע רעגירונג, וואס וועט ענדגילטיג צוזאמענגעשטעלט ווערען אין די ערשטע טעג פון אויגוסט, וועט זארגען שטארק וועגען אנצוקניפען ענגערע האנדעלס-בעציהונגען צווישען רומעניען און ארץ-ישראל. עס ווערט געפלאנט פערבעסערונג פון שיף-פערקעהר צווישען קאנסטאנצא און חיפה, אז עס זאל מינדעסטענס 2 מאל אין חודש קורסירען א שיף צווישען די דאזיגע פאָרטען. ד רומענישע רעגירונג האט אויך בדעה אייבצופיהרען גרויסע טראנזיט פערלייכטערונגען פאר די א"י-סחורות ווי אויך פאר די עמיגראנטען פון פוילען קיין א"י-ישראל.

גאנץ ווארשיינליך וועט אויך אין ארץ-ישראל געשאפען ווערען א ספעציעלע האנדעלס-רעפרעזענטאנץ.

שוידערליכער זעלבסטמארד
פון א סטאניסלאוואווער יודישען סוחר

סטאניסלאוואוו, 30 (טעלעפאניש)

א דערשיטערענדיגען איינדרוק האט אין אונזער שטאט געמאכט דער שוידערליכער זעלבסטמארד, וואס עס איז דא בעגאנגען דער היגער אמאליגער גביר און אנגעזעהענער גרויסער סוחר, לעאן קאלמוס.

קאלמוס האט זיין אייגענס געהאט אין סטאניסלאוואוו א האלץ טארטאק, ער איז געווען א אייגענטימער פון א סך וועלדער און געפיהרט א גרויסען עקספארט פון האלץ קיין אויסלאנד.

מיט א צייט צוריק האט קאלמוסען אנגעהויבען געהן „מיט דער פוטער ארָאב". דער קריזיס האט איהם רואינירט און צעבראכען. די געשעפטען האבען זיך א צייט אנגעהויבען געהן וואס אמאל ערגער. עס איז אזוי ווייט געקומען, אז דער אמאליגער גרויסער סוחר לעאן קאלמוס, וועלכער האט געשאקעלט מיט גאנץ סטאניסלאוואוו, איז לעצטענס געווען א ריינער ארימאן.

קאלמוס איז נישט נאר מאטעריעל, נאר אויך פסיכיש צוזאמענגעבראכען. געפינענדיג זיך אין א זעהר שווערער פינאנציעלער לאגע, האט קאלמוס בעשלאסען צו בעגעהן זעלבסטמארד.

קאלמוס איז ארויסגעגאנגען אויפ'ן באלקאן פון זיין וואוינונג גאלוכאווסקיעגא 28. פון דריטען שטאק האט ער זיך אראפגעווארפען אויפ'ן טראטואר און איז דערהרגעט געווארע.

ארעסטירט אין ווארשא אנ'אפעריסט
וועלכער האט געשיקט א אנאנימען דראהונגס=בריף צו א לאדזער

ווארשא, 30 (טעלעפאניש).

איינער פון די רייכערע אנגעשטעלטע פון שייבלער און גראהמאנ'ס פאבריק אין לאדז, קוגעלמאן האט מיטגעטיילט דער ווארשאווער פאליציי, אז מיט עטליכע טעג צוריק האט ער בעקומען אנאנימען דראהונגס-בריף, אין וועלכען מען פאדערט פון איהם 1000 זל., און די סומע זאל ער אפשיקען קיין ווארשא אויף "פאסט רעסטאנט" אונטער „א. ק." אויב ער וועט דאס פערלאנגטע געלד נישט שיקען, ווערט אינ'ם בריף געדראהט צו פערעפענטליכען סודות פון זיין פריוואטען-לעבען.

אויף דער עצה פון דער ווארשאווער פאליציי האט קוגעלמאן א"וי סגעשי'קט א לידיגען בריף אויפ'ן אנגעוויזענעם אדרעס. אין א בעשטימטער שעה איז אופ'ן פאסט-אמט אין ווארשא געקומען א יונגערמאן און אפגענומען דעם בריף. דארט האט אבער שוין געווארט א געהיי-אגענט און דעם יונגערמאן ארעסטירט. ער הייסט לעאן וואלף פון ווארשא. ער איז אר עסטירט געווארען.

אויך א געוויסע פרוי פישער פון ווארשא האט בעקומען אזא אנאנימען דראהונגס-בריף.

—=:)O(:=—

צוריקקעהר פון ספרדישע יודען קיין שפאניען
קומט נישט אין בעטראכט

מאדריד, (י.ס.א.) דער שפאנישער פרעמיער-מיניסטער דאן מאנועל אזאהא האט ערטיילט אנ'אינטערוויאו דעם פארשטעהער פון דער יודישער טעלעגראפען-אגענטור, אין וועלכען ער האט ערקלערט, אז עס קומט נישט אין בעטראכט די די פראגע פון צוריקקעהר פון די ספרדישע יודען קיין שפאניען, ווי דאס האבען געטרוימט איינינע ראמאנטיש-געשטימטע שפאניער.

די פראגע איז אפילו נישט בעהאנדעלט געווארען דורך דער רעגירונג און זי איז קיינמאל נישט דיסקוטירט געווארען.

וועגען דעם מוזולמענישען אוניווערזיטעט אין ירושלים

ירושלים (יט"א) דער קאמיטעט פאר דעם מוזולמענישען אוניווערזיטעט האט בעשלאסען, אז אויף דעם אוניווערזיטעט וועלען זיין טעטיג פאלגענדע פאקולטעטען: טעאלאגישער פאקולטעט מיט 600 סטודענטען, טעכנישער מיט 200 סטודענטען און מעדיצינישער מיט 300 סטודענטען.

קלאנג-קינא-טעאטער
SPLENDID
20 נארוטאוויטשא 20

היינט רעוויע א.ג.
„לערן מיך ליבען"
ס'נעהמען אנטייל די בעסטע ארטיסטען פון די ווארשאווער סצענעס:
סעמפאלינסקי, רענטגנע, דועט נעי און אנדערע.
אנהויב 8 און 10 א זייגער אווענד.

פון 12 בייטאג ביז 8 אווענד
ווערט אין קינא דעמאנסטרירט דער פילם א. ג.
דער רוף פון ד'ערד

DOKTOR
H. WOŁKOWYSKI
צעגעלביאנא 4, טעל. 90=216
ספעציאל-ארצט פאר הויט- און וועגערישע קראנקהייטען, מענער-שוועכע. אלע ארט אנאליזען, עלעקטראטעראפיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.
נעמט אן פון 8–2 און פון 5–9 אווענד.
בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען.

א רעוואלוציע אין דער קאסמעטיק!
אונגעוועהנליכע רעדוקציע פון אלע פרייזען
איז דער איינציגער קאנקורענץ=פערפומעריע פון דער פירמע
י. דרוקער, 5 זאוואדזקא 5
טעלעפאן 17592
וואס בעזיצט דעם רייכסטען אויסוואהל פון די נייעסטע פאריזער פערפומען, ווי אויך די פיינסטע ערשטקלאסיגע פודערן, טואלעט-זייפען אז"וו
Perfumerja J. DRUKIER
מיט אכטונג
ZAWADZKA 5
TEL. 175-92
בעמערקונג: ענגראסיסטען בעקומען ספעציעלען ראבאט.

לאדז. 31 יולי 1932

„נייער פאָלקסבלאַט"

לאדז. 31 יולי 1932

איצטיגע „מיסיע" פון די דייטשע יודען

דאָס דייטשע יודענטום האָט איצט אַ אמת'ע שליחות פאַר דער וועלט בכלל און פאַר דער יודישער וועלט בפרט.

נישט קיין אַבסטראַקטע מיסטישע שליחות וועגען יהדות און דעם זין פון גלות נור אַזוי צו זאָגען אַ פּראַקטישע מיסיע, אַ מיסיע, וואָס ווערט דיקטירט פון זייער ביטערער ווירקליכקייט, אַ מיסיע, וואָס די כאַאָטישע פּאָליטיק אין דייטשלאַנד האָט איצט אַוועקגעשטעלט פאַר זיי:

דאָס דייטשע יודענטום דאַרף איצט ווייזען פאַר דער גרויסער וועלט ווי אַזוי יודען קענען קעמפען פאַר זייער בירגער-רעכט. די דייטשע יודען זענען געווען די ערשטע עמאַנסיפּירטע צו ווערען; זיי דאַרפען איצט זיין די ערשטע צו בעווייזען דער וועלט, אַז די היסטאָריש אויסגעקעמפטע בירגער-רעכט קען מען אַזוי גרינג נישט צוריקנעהמען.

דאָס דייטשע יודענטום האָט זיך ביז איצט געהאַלטען – און מיט אַ גרויסער מאָס רעכט – פאַר דער אַריסטאָקראַטישסטער און שעפערישסטער טייל פון'ם מאָדערנעם יודענטום.

פון די צייטען פון חכמת ישראל ביז'ן היינטיגען טאָג, היסטאָריקער, פילאָזאָפען, פּאָעטען און סאָציאָלאָגען האָבען זיי אַמיינסטען געגעבען דער מאָדערנער אייראָפּעאישער קולטור און וויסענשאַפט.

אויף אלע אַנדערע טיילען פונ'ם יודישען פאָלק האָט דאָס דייטשע אַריסטאָקראַטישע יודענטום אַראָפּגעקוקט ווי אויף אָרימע „גלויבענסגענאָסען" – און גאַנץ אָפט ווי אויף „שנאָרער" – וואָס מען דאַרף זיי פון צייט צו צייט העלפען. צי אָט די „אנשויאונג" זייערע איז געווען איינגאַנצען בערעכטיגט, צי ניין, איז איצט נישט די פראַגע.

ליידער בעווייזט איצט זייער לאַגע אין דייטשלאַנד אַמבעסטען, אַז ס'איז נישטאָ קיין „אָסט-יודען-פראַגע" נור איין גרויסע איינהייטליכע און האַרבע יודען-פראַגע.

איצט האָבען זיי זיך אליין און איג'ם גרויסען קולטורעלען דייטשלאַנד – אינ'ם דייטשלאַנד פון קאַנט און געטע, פון דיורער און בעטהאָווען, פון העגעל און מאַרקס – אַנגעשטויסען אויף דער יודען-פראַגע אין איהר ווילדסטער און פּרימיטיווסטער פאָרמע.

מען פּלאַנעוועט זיי ווידער צו פערשפאַרען אין די געטאָס, די פּאַטריאָטיש צעווילדעוועטע היטלעריסטישע האָרדעס ווילען ביי זיי אוועקרויבען זייער בירגער-רעכט...

ווי אַזוי וועט דאָס שטאָלצע דייטשע יודענטום ענטפערן אויף די פּרימיטיווע און נישט-ציוויליזירטע אַטאַקעס אויף זייערע רעכט, אויף זייער שטאָלץ?

אָט אין דעם בעשטעהט איצט די גרויסע שליחות די גרויסע מיסיע פונ'ם דייטשען יודענטום!

און ווי עס זעהט לעת עתה אויס געהט מאַקע דאָס שטאָלצע דייטשע יודענטום ווירדיג אויספילען די שליחות. און בייקומען דעם גרויסען נסיון וואָס די ביטערע און אַזוי בעליידיגענדע דייטשע פּאָליטישע ווירקליכקייט שטעלט איצט פאַר זיי.

נישט מיט „ויצעקי'ס" און נישט מיט'ן אַלטען יודישען „וואַנדער שטאָק" געהען זיי ענטפערען אויף די ווילדע סטראַשונקעס, אויף די בעפלאַנטע גזירות, נור מיט קאַמף!

די נייעס אַז דאָס דייטשע יודענטום איז אַצינד אפילו געגען דעם אַז אַ יודישער קאָנגרעס זאָל זיך בעשעפטיגען מיט „זייער פראַגע" איז אַ אמת פּאָזיטיווע און דערפרעהענדע.

זיי האָבען שוין, ווייזט אויס, געלערנט דאָס וואָס אַ סך יודען אין אַנדערע לענדער ווייסען נאָך נישט, אַז פאַר אייגענע בירגער-רעכט דאַרף מען אַליין קעמפען.

זיי שעצען און האָבען ליב צו-פיל זייער פאָטער-לאַנד, זייער געבורטס-לאַנד, זיי זאָלען נישט קעמפען פאַר זייערע בירגער-רעכט. און אַזאַ שטאָלצער קאַמף מוז ברענגען זיג און רעספּעקט אפילו פון די ביטערסטע שונאים.

מיר ווייסען, אַז ביי אַ סך פון אונזערע יודען אויסער דייטשלאַנד, – בייסען שוין בעצייטענס די הענט. (אָדער איז עס די צינגער?) מען גרייט שוין פאַר זיי אונזער אַלטע נאַציאָנאַלע אַמוניציע: געשרייען, טאַרבעס און וואַנדער-שטעקענס.

דאָס שטאָלצע דייטשע יודענטום וויל אָבער, ווייזט אויס, נישט הערען פון די אַלטע יודישע הילף-מעטאָדען. דאָס דייטשע יודענטום וויל און מוז קעמפען אַליין פאַר די אייגענע בירגער רעכט.

יעדע יודישע הילף פון דרויסען (ווי הילפלאָז זי זאָל נישט זיין) וועט נור געבען זייערע שונאים אַ אויסרייד צו טענה'ן: „זעהט וואָס פאַר אַ שלעכטע בירגער זיי זענען – פאַר אינערליכע פראַגען רופען זיי הילף פון דרויסען".

„ווי אַזוי פאָדערען זיי גלייכע רעכט מיט אונז, ווען זיי זענען פערבונדען מיט אַ אויסערליכער מאַכט געגען אונז?"

ביטער און בעליידיגענד איז אַ צינד די לאַגע פון די דייטשע יודען, אָבער די שאַנדע איז נישט זייערע.

און זייער קאַמף איז אַ צינד נישט נור פאַר זייערע אייגענע רעכט נור אין דער זעלבער צייט פאַר דעם אמת'ן און קולטורעלען דייטשלאַנד, פאַר דעם דייטשלאַנד, וואָס זיי האָבען ליב און מיט וועלכ׳ן זיי זענען אַזוי שטאָלץ.

לעא קעניג.

די רעוואָלוציע מיט'ן וואָהל-צעטעל

צו די היינטיגע פּאַרלאַמענט-וואַהלען אין דייטשלאַנד

געלעגענהייטען ווי יענע סיטואַציע אין יאָהר 1918, וועלכע האָט געעפענט דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע טיר און טויערן צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד, געהערען צו זעלטענהייטען אין דער געשיכטע. פערשפּילען אַ געשיכטליכען מאָמענט, הייסט אויף לאַנג גאָר לאַנג פערלירען די גינסטיגע געלעגענהייט.

די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, איז די מעכטיגסטע און בעסטע אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון צווייטען אינטערנאַציאָנאַל. און דווקא דער כּוח איהרער האָט זיך בעוויזען אַלס גרעסטע שטערונג ביי דער בעהערשונג פון דער לאַגע.

ווען די דייטשע סאָציאַליסטען האָבען נאָך דער איבערקערעניש פון יאָהר 1918 זיך געפונען ביי דער מאַכט, האָט זיי דאָס נאַציאָנאַלע פערענטוואָרטונגס-געפיהל אָפּגעהאַלטען פון ראַדיקאַלע שריט. זיי האָבען זיך בעגניגענט מיט דער שאַפונג פון אַ דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע, מיט דער פּאָליטישער מאַכט, וועלכע זיי האָבען בעזעסען אין פּאַרלאַמענט און האָבען פערפעהלט די בעדינגונגען, צוליב וועלכע עס וואָלט דעמאָלט געווען לייכט צו רייניגען די אַדמיניסטראַציע פון רעאַקציאָנערע בעאַמטע און אַרויסצורייסען די דייטשע אַרמעע פון אונטער דער השפּעה פון די געוועזענע קייזערליכע גענעראַלען.

היינט איז זיך אַלץ דאָס נוקם. צוליב דעם איז עס מעגליך געוועז, אַז איבער נאַכט זאָל אַרויסגעריסען ווערען די גאַנצע מאַכט פון דער סאָציאַליסטישער רעגירונג אין פּרייסען און געפונען זיך מיט אַמאָל אין די רעאַקציאָנערע הענד פון דער מיליטער-קליקע.

אמת, דייטשלאַנד האָט אַמאָל געגאָסען דעם שם פון אַ געזעצליכער מלוכה. פון אַ לאַנד, וואו דאָס רעכט-בעוואוסטזיין איז טיף איינגעגראָבען ביי אַ יעדען בירגער אין הארץ. פון יענער צייט שטאַמט דער בעקאַנטער וויץ ווי אַזוי אַ דייטשע שטאָט איז אָפּגעהיטען געוואָרען פון אַן איבערקעהרעניש:

עס איז אָנגעקומען אַ ספּעציעלער צוג מיט רעוואָלוציאָנערען, צו פערשטאַרקען די רעוואָלוציאָנערע כּוחות אין דער דאָזיגער שטאָט. דערווייל אָבער איז דער באַהן-פּערראָן ערגיץ אַוועקגעגאַנגען אויף אַ מינוט איבערלאָזענדיג אָפען די טיר פון פּעראָן. די רעוואָלוציאָנערע מחנה האָט זיך רוהיג אָפּגעשטעלט ביים אָפענעם טויער פון באַהנהויף און געוואַרט ביז דער פּאָרטיער וועט צוריקקומען, כדי איהם איבערצוגעבען, לויט פאָרשריפט די באַהן-בילעטען. רעוואָלוציע איז רעוואָלוציע, אָבער די פאָרשריפטען מוזען אָפּגעהיטען ווערען.

אָבער היינט? נישט היטלערס באַנדע און נישט די קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע וועלען וואַרטען אויפ'ן פּאָרטיער. בעוויזען האָט עס די היינטיגע רעגירונג, וועלכע האָט געהאַנדעלט לויט דעם כּלל „נעשה ונשמע". קודם אָפּגעטאָן און דערנאָך וועט זי הערען, וואָס דער טריבונאַל וועט זאָגען. אָדער... נישט הערען.

אַזוי אַרום איז דייטשלאַנד היינט ענליך צו אַ זידענדיגען קעסעל צוגעדעקט פון אַלע זייטען.

וואָס וועט זיך אין דעם קעסעל אויסקאָכען פאַר דער אינערער לאַגע אין דייטשלאַנד, וואָס פאַר דער איבריגער וועלט, וועלכע איז היינט בעדראָהט פון דעם ניי-געבוירענעם פּרייסישען היטלעריסטישען גייסט, איז שווער פאָראויסצוזאָגען.

היינט, זונטאָג קומען פאָר וואַהלען צום דייטשען פּאַרלאַמענט, וועלען די וואַהלען געבען אַ תשובה אויף דער פראַגע, וועלען זיי שאַפען בערוהיגונג, וועלען זיי זיין אַן עהרליכער אויסדרוק פון די אמת'ע שטימונגען אין לאַנד. און וואָס פאַר אַ שטימונגען אין לאַנד וועט דער וואַהל-רעזולטאַט צום אויסדרוק ברענגען?

ערשט נישט לאַנג האָבען מיר געהאַט וואַהלען אין דייטשלאַנד, די וואַהל פון מלוכה-פּרעזידענט הינדענבורג, דעמאָלט דער קאַנדידאַט פון דער היינטיגער אָפּאָזיציע, האָט בעקומען אַן ערך פון 20 מיליאָן שטימען. אַן ערך פון 150 טויזענד שטימען האָבען איהם געפעהלט, כדי געוועהלט צו ווערען אין ערשטען וואַהל-גאַנג, אין פערהעלטניש צו אַלע אָפּגעגעבענע שטימען פון קרוב 40 מיליאָן – גאָר אַ קלייניגקייט. אָבער קיינעם איז נישט איינגעפאַלען די „קלייניגקייט" ערגיץ וואו אין אַ פּוישטעטיגער וואַהל-אורנע צו געפונען.

דערויף הייסט עס פערלאָזען זיך די דייטשע סאָציאַליסטען און דער דייטשער צענטרום – אויף עהרליכע וואַהלען, וועלכע זאָלען דורך דעם וואַהל צעטעל מנצח זיין דעם היטלעריסטישען סעפּאַראַר און די היטלעריסטישע קליקע.

ווערט דער חשבון וועגען אַ רעוואָלוציע מיט'ן וואַהל-צעטעל ביי די היינטיגע וואַהלען שטימען צי נישט?

אָט דאָ אַ קליינע בעמערקונג:

קוים וואָס דער דייטשער רייכסקאַנצלער פּאַפּען איז צוריקגעקומען אַ צופרידענער פון לאָזאַן, וואו דייטשלאַנד האָט דערגרייכט וויכטיגע קאָנצעסיעס צוליב דעם, וואָס די וועלט-מלוכות ליגט אין דעם, עס זאָל נישט וואַקסען אין צענטרום פון אייראָפּאַ אַ וואולקאַן פון אוגרוהע, האָט דערזעלבער פּאַפּען אונטערגענומען די געוואַלדזאַמע אַקציע אין פּרייסען. זאָל מען מיינען, אַז דער דייטשער רייכסקאַנצלער האָט פּשוט אָפּגענאַרט זיין ענגלישען און פראַנצויזישען אונטערהענדלער, אָדער איז גיכער אַנצונעמען, אַז ער האָט געהאַט אַ גרונד מאַקדאָנאַלד'ן און הערי'אָ אַזוי צו פערשטעהען, אַז זיי וועלען נישט האָבען קיין פּראַיבעל צוליב דעם אויסברייטערען זיך פון דער השפּעה פון דער דייטשער רעאַקציע אין דייטשלאַנד.

דער אַפּעטיט פון דער דייטשער רעאַקציע וועגדעט זיך היינט נישט געגען פראַנקרייך, זיי זענען גרייט זיך צופרידען צו שטעלען מיט אַביסעל אויף קאָסטען פון פּוילען, אין דער אויסען-פּאָליטיק און מיט'ן טעם פון יודישען שווייס און בלוט אין דער אינערן-פּאָליטיק.

פאַר דעם פּרייז זענען זיי גרייט צו שאַרפען די ציהען געגען קאָמוניזם אין דייטשלאַנד און געגען דער סאָוויעט-רעפּובליק.

עס קומט אַזוי פאָר ווי פּאַפּען זאָל האָבען תּופס געווען אין לאָזאַן, אַז די מערב-דעמאָקראַטיע וועט זיך נישט שטאַרק פערטיידיגען געגען דער פערלעצונג פון דעמאָקראַטיע אין און דורך דייטשלאַנד אויב דאָס קאָן שטאַרקען דייטשלאַנדס אַנטי-רוסישע פּאָזיציע פאַר אַ פּרייז, וועלכען עס וועלען עוונטועל בעצאָהלען די דייטשע יודען און די פּוילישע מלוכה.

ווי געזאָגט, עס קומט אַזוי פאָר... פּשוט אַ חשד. קיין שום בעווייז. דער חשד נעמט זיך דערפון, וואָס אין דעם נייעם נאָך-מלחמה-אייראָפּאַ, איז אַלץ נאָך אַ יעדער גרייט צו צאָהלען פאַר זיין אייגענער מנוחה, פון דער פרעמדער קעשענע.

האָט מען אין לאָזאַן געמאַכט אַן עהרליכען חשבון – וועט ער נישט שטימען, ווייל סוף כל סוף וועט דער בעל-הבית אויך נאָך האָבען אַ וואָרט צו זאָגען.

פּוילען וועט זיך נישט לאָזען און די יודען וועלען נישט שווייגען.

ד"ר אברהם אינזלער.

מיט דער פּען געגען שווערד

די גרופּע שריפטשטעלער און געלערנטע, צווישען וועלכע עס געפינען זיך ראָמען ראָלאַן, אַלבערט איינשטיין, מאַקסים גאָרקי, אַפּטאָן סינקלער, היינריך מאַן און אַנדערע, ווילען זיך נישט בעגנוגענען מיט כתם אַזוי מאַניפעסטאַציעס אינ'ם גייסט פון פרידען. זיי ווילען די פרידליכע, די שעפערישע כּחות פון דער וועלט אויפזאַמלען, פּראַייניגען, אָרגאַניזירען. זיי ווילען וואָרענען דעם אימפּעריאַליזם. ער זאָל זיך נישט איילען צו מאַכען דעם חשבון אָהן דעם אמת'ן בעל-הבית. ער זאָל נישט זיין אַזוי זיכער ביי זיך. ער זאָל וויסען. אַז דער שטעקען, מיט וועלכען ער וויל שלאָגען אַנדערע, קאָן זיך ווענדען געגען איהם אַליין...

אָט דערצו שטרעבט די אָרגאַניזאַציע, וועלכע גרייט-צו אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַלען פרידענס-קאָנגרעס. זי לאַדט איין פאָרשטעהער פון יענע געזעלשאַפטליכע כּחות, וועלכע קאָנען עפּעס טאָן קעגען קריג, נישט נאָר פּראָטעסטירען.

אַ כוואַליע פון פּראָטעסט געגען מלחמה'ס איז קיין נייעס נישט. ערשט מיט עטליכע חדשים צוריק האָט זיך אַ כוואַליע אַזאַ אויפגעהויבען אין זשענעווע – און וואָס זענען געווען די רעזולטאַטען? צעהנדליגער דעלעגאַציעס, טויזענטער בריף און טעלעגראַמעס זענען אָנגעקומען צו דער זשענעווער קאָנפערענץ פון אַלע עקען וועלט–און אַלע האָבען זיי זיך אַרויסגעזאָגט געגען בלוטפערגיסונג.

גראָד דאַן האָט זיך צופּאַקערט דער בעוואָפענטער קאָנפליקט צווישען יאַפּאַן און כינע אין מאַנדזשוריע. ווי אַ טייוולשער געלעכטער איז געווען די שיסעריי, מיט וועלכער דער יאַפּאַנישער מיליטאַריזם האָט אָפּגעענטפערט אויפן פרידענסוואונש פון הינדערטער מיליאָנען... וועט זיך איצט נישט איבער'חור'ן די זעלביגע טראַגיקאָמעדיע? וועט דער קאָנגרעס פון ראָמען ראָלאַן און אַלבערט איינשטיין אויפטון מעהר וויפיל עס האָבען אויפגעטון די פּראָטור העגדערסאָן און זיינע פריינט אין זשענעווע?

וועט די נייע פּראָטעסט-כוואַליע האָבען מעהר מאַכט, ווי די אַלע פריהערדיגע כוואַליעס פון פּאַציפיזם?

עס איז דאָ אַ האָפנונג אַז יאָ. עס ווערען איצט אָנגעוועגדעט נייע מעטאָדען, וועלען זיי אפשר ברענגען גרעסערע רעזולטאַטען. מען בעט שוין איצט נישט די קאַץ, אַז זי זאָל היטען די סמעטענע. מען קומט נישט מיט פּאַציפיסטישע עצה'ס צו די, וועלכע שטיצען זיך אויף באַיאָנעטען. מען וויל ווירקען אויף די וואָס ליירען פון קריג. מען וויל קומען צו די פעלקער און זאָגען זיי, אַז עס איז גענוג צו לאָזען זיך פיהרען צו דער שחיטה. מען וויל קומען צו די קרבנות פון קריג און אויפפאָדערען זיי, נישט צו זיין מעהר קיין קרבנות וואָס וועלען טון די כּהנים ביים בלוטיגען מזבח, ווען דער אָקס, וואָס זיי ווילען שעכטען, וועט זיי אַרויפנעמען אויף די הערנער?

אָט דאָס וויל טון דער נייער פרידענס-קאָנגרעס. ער וויל דערמאָנען דער מענשהייט, אַז זי האָט מיטלען, מעכטיגע מיטלען צו שיצען זיך געגען איהרע פיינד. זאָלען, אַ שטייגער, די אַרבייטער פון אַלע לענדער זיין פעהיג צו ענטפערן מיט אַ שטרייק אויף יעדען קריגס רוף – וואָלט ער נישט געמאַכט אַ סוף צו מלחמה'ס?

פאַרוואָס איז אַזוי מיאוס אַדורכגעפאַלען די אידעע פון אַ גענעראַל-שטרייק אין אויגוסט 1914. ווען עס האָט זיך אָנגעצונדען דער פייער פונ'ם קריג? ווייל די מענשען האָבען זיך געלאָזט פערפיהרען פון די פאַלשע פּאַטריאָטען פון איין זייט, און ווייל זיי זענען נישט געווען איינינג צווישען זיך, פון דער אַנדערער זייט. אָט די צוויי גרויסע שטערונגען מוזען אָבגעשאַפט ווערען. מענשען מוזען וויסען, וואָס עס פאָדערן די אמתע אינטערעסען פון זייער לאַנד, און זיי מוזען קעמפען נישט צווישען זיך, נאָר מיט זייער אַלעמענס בלוטיגען שונא.

ווי לערנט מען עס אויס די אומוויסענדיגע פערשקלאַפטע מאַסען? ווי מאַכט מען, אַז זיי זאָלען נישט זיין אַזוי אומוויסענדיג און אַז זיי זאָלען כאָטש אינערליך זיין נישט אַזוי פערשקלאַפט?

דאָס איז די פראַגע. דאָס איז אַ האַרבע פראַגע, אַ פערשאָלטענע פראַגע. אָבער קיין פּרוב צו געפינען אַן ענטפער אויף איהר טאָר נישט זיין צו שווער. דער קאָנגרעס פון דער גרופּע, וועלכע ווערט געפיהרט פון ראָמען ראָלאַן און זיינע פריינט, איז אַזאַ פּרוב.

זיי ווענדען זיך מיט אַ ביוון צו פאָרשטעהערס פון פערשידענע פּאָליטישע און מאָראַלישע ריכטונגען. זיי ווייסען, אַז נאָר מיט פּראַייניגטע כּוחות קאָן עפּיס געטון ווערען געגען קריג. און זיי זוכען צו שאַפען אַ פּלאַטפאָרמע, וואו די פאַרטרעטער פון אַלע די ריכטונגען, וועלכע ווילען באמת נישט קיין קריג, זאָלען זיך בעגעגענען.

קאָנען די פיהרערס, די וואָרט-פיהרערס פון אונזער גייסטיגען לעבען לאָזען אונז פערצווייפלען? זיי קאָנען דאָס נישט. זיי מוזען עפּיס טון. און מיר גלויבען, אַז זיי קאָנען עפּיס טון.

אין דער וועלט פון געדאַנקען איז דאָ איצט מעהר ליכט, ווי עס איז געווען אַמאָל. פאַרוואָס איז נישט מעגליך, אַז עס זאָל ליכטיגער ווערען אויך אין דער וועלט פון מעשים?

איינשטיינען וואָלט מען אַמאָל געקעפּט, געהאָנגען, פערמאַטערט אין אינקוויזיציע קעלערן. ראָמען ראָלאַן אָדער אַן אַפּטאַן סינקלער וואָלט מען אוודאי נישט געלאָזען אַמאָל זאָגען, וואָס זיי טראַכטען, און טוהן, וואָס זיי טוען. איצט לעבען זיי און ווירקען, אין דער וויסענשאַפט, אין דער ליטעראַטור, אין דער וועלט פון אידעען בכלל זענען זיי פיהרערס. פאַרוואָס קאָנען זיי נישט זיין קיין פּאָליטישע פיהרערס אויך? פאַרוואָס קאָנען זיי נישט ווייזען דער מענשהייט דעם וועג, ווי צו לעבען און ווי זיך איינצושטעלען פאַרן לעבען, אַזוי ווי זיי זענען געוואָרען איהרע אינטעלעקטועלע וועגווייזערס?

די שווערד האָט נישט שטענדיג טריאומפירט. מיר ווייסען פון מאָמענטען אין דער געשיכטע, ווען דער נצחון איז געווען אויף דער זייט פונ'ם געוויסען. אפשר איז אויך איצט אַזאַ מאָמענט?

יש. ניגער

הונגער=טעג (דערצעהלונג)

פון פּרץ הירשביין

(סוף)

אייזיק האָט געשוויגען, אייזיק האָט אין האַר־צען מסכים געווען מיט זיין מינדלען, ער האָט גע־וואוסט, אַז מינדעל איז כסדר געווען אַ שטאָלצע; אַפילו אין שאַפּ האָט זי עס אַרויסגעוויזען. צוליב דעם האָט ער זי ליב געקראָגען? אויב זי פיהלט אַזוי, — קאָן ער עס נישט איבערמאַכען. מעהר נישט, וואָס ער האָט געקלערט אַז ער אַליין וועט זיך פּרובּען אַוועקשטעלען אין דער רייה. אויב ער וועט ברענגען אַהיים אַביסעל שפּייז, וועט זי עס מוזען אָננעהמען. ווייל אויסגעהן קאָן מען נישט, אין דעם איז ביוטאָן גערעכט, אַ מאָגען איז אַ שונא. און אַ שונא קען מען נישט בעקעמפען.

ביהם האָט עס פערדראָסען, וואָס מינדעל האָט אַזוי קאַלט פערלאָזען ביוטאַנס שטוב, כמעט מיט דער פּלייצע זיך אויסגעדרעהט צו אַלעמען. עס איז אַ הונגעריגער אָוונד. מען קאָן זאָגען דער ערשטער הונגעריגער אָוונד, און די ביוטאַנס, וואָס זיצען איצט אין שטוב, די מענשען, וואָס האָבען מיט אַזאַ באַטיליכקייט ביז איצט זיך געטיילט מיט יעדען ביסען ברויט — זיי קאָן מען דאָך נישט לאָזען אַר־וועקגעהן צו זיך, כאָטש בלויז איבער'ן קאָרידאָר, מען וועט זיך אפשר שפּעטער נישט קאָנען קוקען אין די אויגען אַריין, אַז מען וועט זיך בעגעגענען.

— פונדעסטוועגען דאַרף מען נישט אַזוי, מינע — האָט אייזיק אָנגעהויבען, — אָט זעהסטו דאָך, זיי קוקען אויף דער זאַך אַ סך אַנדערש, זיי קוקען אויף דער לאַגע אַביסעל ניכטערער. האָט מען אָנגעהויבען אויסצוטיילען שפּייז פאַר אַרבייטס־לאָזע און טויזענדער טויזענדער קומען אַרויס און בעהמען די דאָזיגע שפּייז — לאָמיר אויך געהן און שטעהן אין דער רייה, די ערד וועט נישט זינקען אונטער אונזערע פיס.

האָט זיך מינדעל אַ צאַפּעל געטאָן, גלייך ווי מען וואָלט אויף איהר אַ גאָס געטאָן קאַלט וואַסער. דאָס גאַנצע בלוט איז איהר אין פּנים אַריינגעקומען. ווען אייזיק האָט עס געזאָגט, כאָטש זי האָט גע־וואוסט, אַז אייזיק איז דאָ מיט זיינע רייד אויסען געווען אַביסעל צופרידענצושטעלען די ביוטאַנס, וואָס זענען ביידע געזעסען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

— יאָ, אמת, אַ מאָגען איז אַ גרויסער שונא— האָט מינדעל אָנגעהויבען — צוליב'ן מאָגען בע־געהט מען אַ סך נאַרישקייטען. איז טאַקע דערפאַר, וואָס הונדערטער טויזענטער אַרבייטער, אַרויסגע־וואָרפענע פון די שאַפּער, האָט קאַפּיטאַל איצט גע־נומען און אַרויסגעשטעלט אין גאַס פאַר בעטלער און ער, דער קאַפּיטאַל אַליין, וואַרפט אונטער פּעקלעך שפּייז פאַר'ן אַרבייטערס הונגעריגען מאָגען — צוליב דעם אַליין וויל איך נישט שטעהן אין דער רייה, וועל איך הונגערען, וועל איך הונגערען און וואַרטען ביז די הונדערטער טויזענטער און מיליאָ־נען הונגעריגע וועלען אַרויס אויף זייער ערשטען הונגער־מאַרש און אַליין נעהמען, וואָס צו זיי גע־העהרט. נישט שטעהן אין דער רייה און וואַרטען אויף בעטעל־ברויט, איך בין נישט קיין בעטלערקע און איהר — איהר זענט עס אויך נישט... מאַך מיך נישט פאַר קיין בעטלערקע אייזיק! איך וועל קעמ־פען און נישט בעטלען...

ביי די ווערטער האָט מינדעל דאָס קינד אַנידער־געלייגט אויפ'ן בעט און איז אַרויסגעלאָפען פון שטוב.

— .5 —

אַ צייט האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, די ביוטאַנס האָבען זיך נישט גערירט פון אָרט. אַפילו אייזיק איז תחילת געוואָרען צוטומעלט, גלייך ווי מען וואָלט איהם מיט אַ שווערער זאַך געגעבען איבער'ן קאָפּ.

— וואוהין איז זי געלאָפען? — האָט ער אַ צערשראָקענער געקוקט צום קינד, וואָס האָט זיך דווקא צעלאַכט, אויפ'ן בעט ליגענדיג.

— דאָס זאָלסטו דווקא נישט דאַגה'ן — האָט ביוטאַן געשמייכעלט — זי איז נישט אַנטלאָפען גע־וואָרען.

ביוטאַן האָט געביסען די ליפּען. עס האָבען איהם אויך אָנגעהויבען צו ציטערן הענט און פיס. ער האָט געקראָגען מיט אַ שווערער זאַך איבער'ן קאָפּ.

— ווייסט צוהאַלטען ס'קינד, ראַלף, — האָט פלאָרא געזאָגט — איך וועל אַראָפּלויפען; וועל זי דעריאָגען.

און נישט וואַרטענדיג אויף קיין הסכמה פון ביוטאַנען, האָט זי איהם איבערגעגעבען דאָס קינד און איז אַרויס פון שטוב.

ביידע מענער זענען געבליבען אַליין, ביידע מענער האָבען איצט דערשפּירט זייער פערלוירען־קייט. מינדעלס רייד האָבען תחילת נישט געהאַט דעם מוט אויפצונעהמען, די לאַגע איז דאָך אַנ'ערנסטע, הונגער איז אין הויז. פלאָרא האָט דעם אמת געקוקט אין די אויגען, פלאָרא וויל נישט הונגערען און איהר איז אַלץ איינס פון וואַנען שפּייז קומט, פלאָרא זאָגט אויך אַז זי קאָן נישט הונגערען, ווייל זי זויגט אַ קינד. זי האָט נישט קיין רעכט צו הונגערען און פערמאַרען אַנ'עופהלע. ווער איז דאָ גערעכט — פלאָרא וואָס טוט אַלץ, וואָס דער געזונטער אינ־סטינקט זאָגט איהר אונטער — צי מינדעל, די פליב־קע און אַביסעל טרוקענליכע מינדעל, וואָס האָט אַ שטערן אַ פערשפּיצטען אויף אַרויף און אויגען, וואָס שפּילען מיט פייער, ווען זי פאַלט אַריין אין כעס?

— יאָ, איזי, — האָט ראַלף אָנגעהויבען — כאַ־כאַ־כאַ, איזי, דיינע האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס, וואָס זי האָט דאָ אַריינגעזאָגט — איז נישט אַבי־ווי געפּלאַפּעלט, שטעקט אַ גרויסער אמת אין איהרע רייד. אָבער ווי אַזוי, איזי? ווי אַזוי רעדט מען זיך צונויף? ווי אַזוי מאַכט מען, אַז די הונדערטער טויזענדער און טאַקע די מיליאָנען וואָס הונגערען איצט אין אונזער זאַמען לאַנד — ני־

מאַכט מען, אַז אַלע ווי איין מענש זאָלען זיך צו־נויפנעמען אין אַזאַ הונגער־מאַרש, ווי זי רופט עס אָן און טאַקע געהן בעהמען, וואָס עס געהערט צום אַרבייטער? נישט אַזוי גרינג, איזי, צו רעדען פון דעם. איך זאָג מיר מיינס: וואָס ס'געהער צו אַ רע־וואָלוציע — געהערט צו אַ רעוואָלוציע און וואָס צום מאָגען, כ'מיין דערווייל צום מאָגען — איז צום מאָגען. מיט אַ כאַראַקטער איז זי. דאָס קאָן מען, איזי, נישט פערלייקענען... כאָטש פלאָרא האָט אַ רעכט זיך צו שפּירען בעליידיגט.

— דיינע האָט זיך בעליידיגט — האָט אייזיק געזאָגט — און מיינע איז גערעכט.

— זי וויל אָפּבּרעכען די קאָמונע, איזי, זאָל סי דאָס טון, איך וועל עס איהר זאָגען, אַז דאָס וועט נישט זיין שעהן...

דערווייל זענען ביידע פרויען אָנגעקומען. פלאָ־ראַן איז נישט געווען צו הערקענען, ס'האָט אויס־געזעהען ווי ביי דער קורצער צייט, וואָס זי איז נישט געווען אין שטוב, האָט זי איהרע אויגען אויסגעוויינט און נאָר איהר בלוט איז אַרויסגעשוואומען פון איהרע באַקען אַרויס. זי איז ווי איינגעשרומפּען גע־וואָרען און געעלטערט געוואָרען.

מינדעל — צו איהר אין פּנים האָט זיך גאָר די שטרענגקייט אַריינגעקליבען. זי איז נאָך דינער, נאָך טרוקענער געוואָר'ן און דער שטערן האָט זיך נאָך מעהר אויסגעשפּיצט. ביידע ווייבער האָבען שווייגענדיג גענומען זייערע קינדער אויף די הענט און אַריבערגעגאַנגען צו די ביוטאַנס אין שטוב אַריין. די מענער זענען נאָכגעגאַנגען און האָבען נישט גע־האַט וואָס צו זאָגען. ביי ביידען האָט אויסגערונען די פרייד פון לעבען אַרויס. ביי ביידען האָט עס אָפּ־גענומען גאָר דער מוט, וואָס האָט געלעבט אונטער דער הויט. יעדער איינער פון די מענער האָט אויף זיין אופן פערשטאַנען די ווייבער. יעדער איינער האָט אויף זיין אופן דערפיהלט אַ מין דורך־אַרץ צו זיין ווייב. ראַלף ביוטאַן האָט אין זיין פלאָראַן געזעהען דעם געזונטען מענשען, וואָס קוקט דער ווירקליכקייט גלייך אין פּנים אַריין, און אייזיק האָט זיין מינדלען דערזעהען אין גאָר אַ נייעם ליכט. אין אַ גאָר אומדערוואַרטעטען ליכט. ער וועט זי פון איצט אָן דאַרפען אויסהאַלטען, גוט אויסהע־רען. וואָרים מיט איהרע רייד שלאָגט זי ממש איבער די הענט.

אַזוי זענען די מענער אויך אַריבערגעגאַנגען צו די ביוטאַנס אין שטוב. די מענער האָבען געקוקט ווי ביידע ווייבער, וואָס האָבען די קינדער אַנידער־געלייגט אויפ'ן בעט — ביידע גרייטען צום טיש דעם בעטעל־ברויט, פלאָראַ מיט שוועריליכע, ציטערנדיגע הענט, און מינדעל — מיט שמאָלע אויסגעצויגענע טרוקענע הענט, איינס האָט דעם אַנדערען אין די אויגען נישט געקוקט.

נאָר ווען דאָס גרייטען צום טיש איז שוין באַלד פערטיג געווען, האָט ראַלף ביוטאַן געזאָגט:

— דוכט מיר, איזי, ביי דיר איז אַ שטאַרקער־רער לעמפּעל, איבער'ן טיש, געה ברענג עס אַריין, ברענג עס אַריין, וועלען מיר עס אַריינדרעהען. ס'איז, צום טייוועל, מיר עפּעס פינסטער געוואָרען אין די אויגען.

אייזיק איז אַוועק צו זיך אין שטוב אַריין און נישט געקומען צוריק.

איז ראַלף אַוועק איהם אַריבערברענגען און איז אויך נישט געקומען צוריק.

איז פלאָראַ אַוועק זיי ביידען ברענגען און איז אויך נישט געקומען צוריק.

האָט מינדעל פערנומען ביידע קינדער און איז אַוועק זיי אַריבערברענגען און איז אויך נישט גע־קומען צוריק.

דאָס בעטעל - ברויט איז געבליבען אַליין אויפ'ן טיש... דאָס בעטעל־ברויט איז געבליבען ליי־גען פערשעהמט...

דער דייטשער גענ. קונדט

איז בעשטימט געוואָרען אלס שעף פון גענעראל־שטאַב אין באָליוויען.

א רייה מערדעריעז פון אראבער אין פאלעסטינא

ירושלים'ער אַראַבער ערמאָרדעט זיין שוועסטער אויס אייפערזוכט און ווערט פערמשפּט צום טויט

(ספּעציעל קאָרעספּאָנדענץ)

אַ מענשענס לעבען, מענשליך בלוט שפּילט ביי דעם פּאַלעסטינער אַראַבער קיין שום ראָלע נישט; עס האָט ביי איהם דעם מינדסטען ווערט נישט. דער גרעסטער טייל אַראַבער וועט זיך פון דאַנען אַהין נישט אַ ריהר־טון אָהן אַ מעסער און פּאַר דער קלענסטער זאַך איז ער גרייט צו קוילען און שטעכען אָהן רחמנות. אַנ'אַראַבער מאָרדעט מיט'ן מעסער אויס נקמה, אייפערזוכט, צוליב אַ סכסוך, וועגען אַפּאָר גראָשען, צוליב אַ נאַרישע בעליידי־גונג, און אַ סך מאָל דערפאַר וואָס זיין קרבן איז אַ יוד און ס'איז גלאַט אַ מצווה איהם צו הרגענען. ס'רוב מאָל, ווען אַנ'אַראַבער ווערט געכאַפּט ביי אַ גנבה, איז אַנשטאָט ער זאָל אויסזיצען זיין צייט, דרעהט ער זיך גאָר אויס און שטעכט אַריין אַ מע־סער אין האַרצען דעם יעניגען וואָס האָט איהם ביי זייער האַנד געכאַפּט, די מאָרדען ווערען בע־גאַנגען קאַלט, אָהן איבערלעגונג, און פון געוויסענס־ביסע איז אוודאי קיין רייד נישט.

די צאָהל מאָרדען אין א"י־ישראל וואַקסט פון טאָג צו טאָג. ס'איז נישטאָ די וואָך עס זאָלען נישט פאָרקומען עטליכע מאָרדען מצד די אַראַבער, אי"י בערהויפּט אין די צאָהל גרויס אין די אַראַבישע דער־פער און שטעט.

די לעצטע צייט זענען פאָרגעקומען עטליכע מאָרדען, וואָס האָבען אויפגערודערט דאָס גאַנצע לאַנד, אין ירושלים איז אַריינגעדרונגען אַ פעלאַך אין אַ הויז פון אַ הויכען ענגלישען בעאַמטען כדי צו גנבענען. ווען דער ענגלענדער (מר. מולאַר) האָט דערשפּירט אַז עס דרעהט זיך עמיצער אַרום אין הויז, איז ער אויפגעשטאַנען זעהען ווער דאָס איז. דער גנב האָט קיין סך נישט געטראַכט און איהם אַריינגעשטאָכען אַ מעסער. ווען די פרוי פון מר. מולאַר האָט דערהערט דעם טומעל, איז זי אויך גע־קומען צולויפען, דער גנב האָט ווידער קיין שהיות נישט געמאַכט און אויך איהר דורכגעשטאָכען עט־ליכע מאָל מיט'ן מעסער. די אומגליקליכע איז גע־פאַלען טויט אויפ'ן אָרט אָבער מר. מולאַר וועט לעבען.

אינם דאָרף „בית־נאַטיף", האָט אַנ'אַראַבער ענטזאַגט זיינעם אַנ'אַרבייטער, אויך אַנ'אַראַבער, האָט זיך דער אַרבייטער מיישב געווען און אין אַ פּאָר וואָכען אַרום אָפּגעשטאַטעט זיין געוועזענעם בעל־הבית אַ וויזיט האַלבע נאַכט. דער רעזולטאַט פון דעם דאָזיגען וויזיט איז געווען, אַז דעם קערפּער פון זיין בעל־הבית האָט ער איבערגעלאָזט אין דאָרף, אָבער דעם קאָפּ האָט ער פערשלעפּט און פערוואָרפען ערגעץ אַנדערש...

ביי אַנ'אַראַבישען שאָפער איז קאַליע געוואָרען דער אויטאָ און נישט קענענדיג איינהאַלטען זיין אויטאָ איז ער אַרויף אויף אַנ'אַראַבער און איהם צובראָכען ביידע פיס. אַ קרוב פון דעם פערוואונ־דעטען אַראַבער האָט באַלד אַרויסגעצויגען זיין מע־סער און דעם שאָפער דורכגעשטאָכען ווי אַ זופּ.

אָט אַזעלכע פאַקטען קען מען ברענגען הונ־דערטער.

דער מערקווירדיגסטער מערדער איז אָבער אָהן ספק דער ירושלימער אַראַבער אַחמאַד זאַווי, וועלכער האָט מיט עטליכע חדשים צוריק ערמאָר־דעט זיין שוועסטער און איז היינטיגע וואָך פער־משפּט געוואָרען דערפאַר צום טויט.

אַחמאַד זאַווי איז אַ „דזשענטעלמאַן". ער האַלט זיך שטאָלץ און מוטיג. ער טראָגט אַ לאַנגען ראָק מיט אַ זיידענעם קאַפּטאַן פון אונטען, אויפ'ן קאָפּ טראָגט ער זיך הויכען טאַרבוש, אַנגעדרוקט אַר־ביסעל אָן אַ זייט. ער האָט אַ מאַגער'ן געזיכט, מיט לאַנגע וואָנצעס, וועלכע ער האַלט אין קרייז־לען. [illegible] זיין שוועסטער, איז אויך געווען צוליב „רעליגיעז־ און „מאָראַלישע" מאָטיוון. ער לייקנט קיין זאַך נישט פאַר דער ריכטער, נאָר [illegible] צער געשיכטע און דערצעהלט רוהיג און קאַלט־בלוטיג...

און דאָס איז זיין געשיכטע:

זיין שוועסטער מרים האָט חתונה געהאַט מיט אַ אַראַבער, וועלכער וואוינט אין יפו, און האָט זיך דאָרט בעזעצט, אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען איהם אָבער אָנגעהויבען אָפּגעבען גרוסען אַז זיין שוועסטער געהט אַרום מיט פרעמדע מענער און פערקויפט זיך צו יעדען עפענדי און פראָסטאַק. לכתּ־חילה האָט ער אין דעם נישט געגלויבט און אַפילו נישט געוואָלט הערען. אָבער ווען די רייד זענען געוואָרען שטאַרקער, איז ער אַראָפּגעפאָהרען קיין יפו זיך איבערצייגען צי די מעשה איז אמת צי נישט. ער האָט נישט פערגעסען צו בעוואָפנען זיך מיט די נויטיגע געוועהר, כדי איהר צו טון איהר יושר אין פאַל די מעשה זאָל אמת זיין.

אין יפו איז ער געווען אַנ'אַנגעלעגטער גאַסט ביי זיין שוועסטער און ביי זיין שוואָגער און איז דאָרט געווען צוויי טאָג. ער האָט דערביי נישט פערגעסען זיין שוועסטער צו האַלטען אויפ'ן אויג. אויפ'ן צווייטען טאָג האָט ער געבעטען זיין שוואָ־גער ער זאָל זיין ווייב ערלויבען מיט איהם זיך דורכצופאָהרען קיין ירושלים כדי זיך צו זעהען מיט דער משפחה. דער מאַן האָט באַלד צוגעשטימט.

פאַר'ן פאָהרען האָט מרים געבעטען איהר ברו־דער ער זאָל איהר געבען צוויי שעה, זי זאָל זיך געזעגענען מיט איהרע קרובים אין יפו. ווען די צוויי שעה זענען אַריבער און זי איז נישט צוריקגעקומען איז אַחמאַד אַריין אין אַ קאַפע־הויז, דאָרט זיצענ־דיג האָט ער פלוצלונג בעמערקט ווי אין אַנ'־אויטאָ, וואָס איז פערבייגעפאָהרען איז געזעסען זיין שוועסטער מיט אַנ'אָפּגעדעקטען פּנים אין דער גע־זעלשאַפט פון אַנ'עפענדי. ער האָט איהר מיט כעס אָנגערופען ביים נאָמען, אָבער זי האָט איהם נישט געענטפערט.

ווען זי איז אין אַ פּאָר שעה אַרום אַהיימגע־קומען פון איהר געליבטען האָט איהר דער ברו־דער געפרעגט וואָס דאָס זאָל בעדייטען, די שוועס־טער האָט געענטפערט אַז איהר מאַן קען זיך מיט דעם עפענדי זעהר גוט און ער איז נישט קיין גע־ליבטער איהרער.

האָט ער מעהר מיט איהר קיין טענות נישט געמאַכט און אַרויף אויפ'ן אויטאָ וואָס געהט קיין ירושלים צוזאַמען מיט איהר.

אַרום צוועלף אַ זייגער בייטאַכט זענען זיי אָנ־געקומען קיין ירושלים אייהער זיי זענען אַריין אין זיין הויז, וואָס געפינט זיך ביים „מיסט־טויערעל" (אַ פערלעגענער אַראַבישער קוואַרטאַל פון דער אַלטער שטאָט) האָט ער אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און איהר אַריינגעשאָסען צוויי קוילען, דערנאָך האָט ער אַרויסגעצויגען דעם מעסער און איהר עטליכע מאָל דורכגעשטאָכען דאָס האַרץ ביז ער האָט בעמערקט אַז זי איז שוין טויט.

אָט דאָס איז די געשיכטע וואָס דער „דזשענ־טעלמאַן" מיט די געקרייזעלטע וואָנצעס האָט קאַלט בלוטיג דערצעהלט פאַר די ריכטער. זיין שוואָגער האָט אָבער געטענהט, אַז ער האָט טאַקע אָנגעבער־כען אַמאָל זיין ווייב די ביינער אָבער דאָס זענען געווען צוליב אַנדערע סכסוכים. אָבער אומטרייהייט האָט ער פון איהר קיינמאָל נישט בעמערקט.

ווען די ריכטער האָבען אַחמאַד'ן מודיע געווען אַז זיין שטראָף איז טויט האָט ער זיך מאָדנע און פערוואונדערט אַרומגעקוקט אין געריכט־זאַל.

און פונקט אַזוי רוהיג ווי ער האָט דעם שוי־דערליכען מאָרד בעגאַנגען איבער זיין שוועסטער איז ער אַרויס פון געריכט־זאַל אין דער בעגלייטונג פון פּאָליציי־מאַן.

א. גאָלדשטיין.

דער רייטער=טורנע אין אַכען

צייטונגען זענען איצט א גרויסע מציאה אין רוסלאנד

פון ב. סמאליאר

צייטונגען זענען איצט א מציאה-זאך אין סאָוויעט-רוסלאנד, א זאך, וואָס מען קריגט נישט אזוי לייכט, איבערהויפט די „פראוודא" און די „איזוועסטיא".

שטעהט א סאָוויעטישער בעאמטער אכט א זייגער איינדערפריה פאר א צייטונגס קיאסק אין מאָסקווע און בעט זיך:

— „איזוועסטיא"... גיט מיר די „איזוועסטיא"...

— נישטא, בירגער, נישטא מעהר!... — איז די צייטונגס-פערקויפערין גלייכגילטיג אין איהר ענטפער.

— איינגאנצען נישט געווען? — וויל דער בעאמטער וויסען.

— געווען, אָבער שוין אויסגעפערקויפט!...

דער בעאמטער איז פערצווייפעלט. די „איזוועסטיא" איז די אפיציעלע רעגירונגס-צייטונג. דארט ערשיינען די אפיציעלע בעשטימונגען פון דער רעגירונג, וועלכע ער מוז נאכפאָלגען. נישט ליגען היינט די „איזוועסטיא" מיינט פאר איהם דורכלאָזען פיליכט וויכטיגע אמטליכע אינפאָרמאציעס.

— זוכט... — בעט ער זיך ביי דער צייטונגס-פערקויפערין — גיט נאר א גוטען זוך, אפשר וועט איהר געפונען כאָטש נאך איין עקזעמפליאר.

— נישט וואס צו זוכען — לאזט זי דעם פערצווייפעלטען בעאמטען וויסען — מיר קריגען איצט צום פערקויף אזוי ווענינ צייטונגען, אז זיי ווערען צוריסען נאך איידער איך בעוויז זיי אויסצולייגען.

— אבער אכט א זייגער איינדערפריה זאָלען שוין קיין צייטונגען נישט זיין... דאס איז דאך א סקאנדאל! — פערלירט דער פערצווייפעלטער בעאמטער עטוואס פון זיין גלייכגילטיגען טאָן.

— א סקאנדאל איז עס טאקע, אבער קיין צייטונגען וועט איהר איצט אין ערגיץ נישט קריגען אין דער דאָזיגער שטונדע — סימפאטיזירט מיט איהם די פרוי, וואס פערקויפט די צייטונגען—איצט אז מען וויל קריגען א צייטונג אין מאָסקווע, מוז מען אדער אויפשטעהן פארטאג, אדער רעזערווירען מיט א טאג פריהער, אדער גאר זי אויסשרייבען פון דער רעדאקציע. צייטונגען — קלערט איהם אויף די צייטונגס-פערקויפערין — זענען איצט „א דעפיציטנע סחורה", א סחורה, צו וועלכער מען דערלייגט געלד. די פערלאגען האבען איצט נישט גענוג פאפיר. און דערצו קאסט נאך דאס פאפיר פאר דער צייטונג מעהר ווי די צייטונג. מ'דרוקט דערפאר איצט די צייטונגען מיט עקאנאמיע. מערסטענטייל בלויז פאר אנשטאלטען, פאר אבאנענטען און פאר קלובען. זעהר ווינציג פאר דעם פערקויף אין גאס. אויב איהר ווילט דערפאר זיין זיכער יעדען טאָג מיט אייער צייטונג, איז מיין עצה, אז איהר זאָלט זי בעסער אבאָנירען גלייך צו אייך אהיים.

— אבער אבאָנירען קומט דאך די צייטונג אָן שפעט... זי קומט אָן דורך פאָסט, און איך וויל זי האבען איינדערפריה, איידער איך געה צו דער ארבייט! — קאן דער סאָוויעטישער בעאמטער זיך קיין עצה נישט געבען.

— אבאָנירען — דאס איז דאס איינציגע, וואס איך קען אייך ראטען! — איז די צייטונגס-פערקויפערין פעסט אין איהר עצה, איהר וועט אבאָנירען, וועט איהר די צייטונג קריגען. איהר וועט זיך פערלאָזען אויף אונז, צייטונגס-פערקויפער, האב איך מורא, אז איהר וועט אייער „איזוועסטיא" זעהן איין מאל אין א יובל. הלואי וואָלטען מיר געקריגען אזוי פיל צייטונגען וויפיל מיר ווילען פערקויפען. מיר קריגען זיי אבער נישט. צייטונגען זענען א „דעפיציטנע סחורה". מיר קריגען זיי איצט וואס א טאג אלץ ווינציגער און ווינציגער...

* * *

— פארוואס אייגענטליך, דענקט איהר, זענען טאקע קיין צייטונגען איצט נישטא? — פערטרויערט זי מיר איהר פראפעסיאנעלען סוד — דערפאר טאקע, ווייל דאס געלד האט קיין ווערט נישט. נו, וואס פאר א ווערט האבען די פינף קאפיקעס, וואס א „פראוודא" קאסט? פינף קאפיקעס איז מאסקווע איז איצט גארנישט. דאס פאפיר, אויף וועלכע די „פראוודא" ווערט געדרוקט, קאסט דער רעדאקציע איצט מעהר ווי פינף קאפיקעס.

* * *

אין צייטונגען איז איצט אין רוסלאנד א מאנגעל, איז דערפאר יעדער צייטונגס-פערקויפער א שטיק מיוחס.

אין קאזאטין אויפ'ן וואקזאל איז מיר אויסגעקומען צו ווארטען 2 שעה אויף א צוג. איך האב געדארפט זיך אריבערזעצען פון איין צוג אין אנדערן, און האב געמוזט ווארטען ביז דער צווייטער צוג וועט אנקומען.

אבער דאס מערקווירדיגסטע וואס עס האט זיך מיר געוואָרפען אין די אויגען איז געווען נים אזוי דער פעלשידענארטיגער געמישטער עולם פון פויערים, ארבייטער, באהן בעאמטע, אנגעשטעלטע און סתם רייזענדע, ווי דער גרויסער הונגער פון דעם דאָזיגען עולם נאך א צייטונג.

— גיט מיר, ביטע, א „פראוודא"!...

— אנ'„איזוועסטיא", חבר!...

— דעם „אגאנעק", זייט אזוי גוט!...

הענד אויסגעשטרעקטע, מיט זילבערנע מטבעות און מיט רובעל, האבען זיך געצויגען צו דעם סימפאטישען פערוואלטער פון דעם צייטונגס-קיאסק, וועלכער האט געדולדיג און שמייכלענדיג געהאלטען אין איין ענטפערען, אז קיין צייטונגען זענען מעהר נישטא.

— אויספערקויפט אלע צייטונגען!...

—אפילו די ארטיגע, די לאקאלע צייטונגען?..

— אפילו די ארטיגע!...

און עס איז געווען כמעט ווי א רחמנות צו קוקען ווי די פאסאזשירען, אנטוישטע און עטוואס אומצופרידענע, האבען זיך אומגעקעהרט צוריק צו זייערע וואגאנען אדער צו זייערע ווארט-פלעצער. א רחמנות און א שאד.

— אבער פארוואס זאלט איהר נישט אויסשרייבען מעהר צייטונגען? די מענשען דא בעפאלען דאך אייך ווי מוראשקעס... איהר קענט דאך לייזען צעהן מאל אזוי פיל..

— צעהן מאל איז ווינציג — האט מיין פערוואלטער געשמייכעלט. איך קען לייזען דרייסיג מאל אזוי פיל.

איהר פערשטעהט? — האט ער מיר שפעטער דערצעהלט — מיר זענען איצט געענגט אין פאפיר, אין סאָוויעטען-פערבאנד. מיר קענען זיך נישט פערגינען צו דרוקען אזוי פיל צייטונגען וויפיל מיר ווילען, דרוקען מיר וויפיל מיר קענען. און אז מיר דרוקען בלויז וויפיל מיר קענען, מוזען מיר קודם-כל בעזארגען אונזערע אייגענע פארטיי-חברים. פאר צופעליגע דורכרייזענדע האלטען מיר זשורנאלען, האלטען מיר ביכער, האלטען מיר אנדערע זאכען צום לעזען. צייטונגען אבער קענען מיר זיי נישט פערקויפען. צייטונגען זענען איצט א לוקסוס-זאך. א דעפיציט-סחורה...

אויף צייטונגען איז מען איצט זשעדנע אין סאָוויעט-רוסלאנד, אבער נישט בלויז אויף צייטונגען, נאר אויך סתם אויף פאפיר.

אין האמעל איז דער צייטונגס-קיאסק אויפ'ן צענטראלען מארק געפאקט. פויערים אין געפלאכטענע לאפטיעס און פויערים אין בונטע פארביגע קליידלעך, אלע רייסען זיי זיך נאך צייטונגען. אלע ווילען זיי גראד די „מאסקווער פראוודא".

—עס איז דאך פונדעסטוועגען מערקווירדיג— קען איך זיך נישט איינהאלטען פון אויסצודריקען מיין בעגייסטערונג צו דעם יודישען מיידעל, וואס שטעהט און פערקויפט די צייטונגען—עס איז ממש צום בעוואונדערן, ווי דער עולם האט זיך אויסגעלערנט לעזען, ווי ער איז געוואָרען פאליטיש רייף.

— לעזען!... — שמייכעלט דאס מיידעל איראניש-מיסטעריעז — איהר מיינט זיי דארפען האבען צייטונגען צום לעזען...

— צו וואס דען?! —קען איך זי נישט פערשטעהן.

— צום רויכערן!... — ערקלערט זי מיר, און לאכט.

— צום רויכערן?... — ווייס איך נאך אלץ נישט וואס זי מיינט.

נו, יא, — זאגט זי—זיי האבען קיין פאפיראס-פאפיר צום רויכערן, קויפען זיי א צייטונג, און צושניידען זי אויף שטיקלעך, און נוצען דאס צושניטענע פאפיר צום רויכערן, אנשטאט פאפיראסען-פאפיר.

— אבער— ווילט זיך מיר עפעס נישט גלייבען — זיי פאדערן דאך אלע דוקא די מאסקווער „פראוודא", איז דאך א סימן, אז זיי לייענען יא. ווען נישט, וואלטען זיי דאך געקענט נעהמען וואס פאר א צייטונג עס איז, אויף בלויז צו צושניידען.

— אט טאקע דערפאר, וואס זיי פאדערן די „פראוודא" איז א סימן, אז זיי ווילען די צייטונג פאר זייער מאכארקע—לאכט דאס מיידעל.

זי לאכט. קוקט אויף מיר, און זעהענדיג, אז איך פערשטעה נאך אלץ נישט, זאגט זי מיר אויס איהר פראפעסיאנעלען סוד:

— די „פראוודא" — זאגט זי — איז די צייטונג, וואס איז גרעסער אין פארמאט פון אלע אנדערע צייטונגען. זי האט אויך מעהר זייטלעך און קאסט דעם זעלבען פרייז, וואס אונזערע א לאקאלע קליינע צייטונג קאסט. פארוואס זאל דער פויער אויסגעבען פינף קאפיקעס אויף א קליינער צייטונג, ווען ער קען פאר די זעלבע פינף קאפיקעס קריגען די גרויסע, פיל-זייטיגע „פראוודא". פון א „פראוודא" האט ער גענוג פאפיר צו וויקלען זיינע מאכארקע-פאפיראסען א גאנצען מאנאט. נו, איצט פערשטעהט איהר שוין, פארוואס זיי יאגען זיך אזוי נאך דער „פראוודא".

יא,... איצט האב איך פערשטאנען!...

מ'דארף עסען א ווארימע מאלצייט יעדען טאג

פון ד"ר ש. וויז

דער מענשליכער קערפער מוז האבען יעדען טאג א געקאכט מאלצייט. עס איז וויסענשאפטליך בעוויזען געוואָרען, אז א סך פון די, וואס טאנצען נאך די מאָדע פון עסען רויע שפייז, כאפען אריבער די מאס און שעדיגען דורכדעם זייער געזונד. יעדע באלעבאסטע דארף דעריבער זעהן, אז איהר פאמיליע זאל האבען א געקאכט מאלצייט יעדען טאג.

מען דארף געדענקען, אז עס איז טאקע זעהר גוט, אז רויהע גרינצייג זאלען בענוצט ווערען אלס א טייל פון יעדען עסען. מיר ווארענען אבער געגען דעם, אז דער גאנצער מאלצייט זאל בעשטעהן דורכאויס פון נישט-געקאכטע גרינסען. אלס א טייל פון א מאלצייט גיבען זיי דעם נויטיגען בילאנס און נאר אויף אזא אופן זענען זיי געזונד און נאהרהאפט.

עס איז בעוויזען געוואָרען, אז א דיעטע פון בלויז רויהע פלאנצען ליפערט זעלטען די נויטיגע מאס דערנעהרונגס-שטאף פאר'ן קערפער. עס איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרען, אז א גרויסער טייל פון א מאלצייט, וואס איז בעשטאנען פון בלויז רויהע גרינסען קומט דערנאך צוריק ארויס פון די געדערים נישט פערדייעטערהייד.

די מאדערנע שפייז-משוגעת'ן זענען פעראנטוואָרטליך פאר דער אומוויסענשאפטליכער פראפאגאנדע בנוגע דער דיעטע פון רויהע גרינצייגען, דורך וועלכער א סך מענשען ווערען פערפיהרט. יאהרענלאנג פיהרען מיר אן א קאמף געגען אט דעם סארט שפייז-משוגעת'ן און אומבאלאנסירטע דיעטעס. די הויפט-טענה פון יענע פערשפרייטער פון דער אידעע וועגען רויהע-פלאנצען דיעטעס בעשטעהט אין זייער אנווייזען אויף די וויטאמינס, וואס אזוינע מאכלים אנטהאלטען. אבער זיי האבען דערמיט זעהר פיל איבערטריבען. דער ריכטיגער וועג צו קריגען די נויטיגע וויטאמינ'ס איז צו האבען א באלאנסירטע דיעטע. אויב אייער דיעטע איז גוט באלאנסירט און פערשידענארטיג—דאן בעקומט איהר אזויפיל וויטאמינ'ס' וויפיל איהר בענויטיגט. אלץ וואס מען דארף איז, אז אין טעגליכען שפייז-פלאן זאלען אריינגעהן: פלייש, פיש, אייער, גרויפען, ברויט, קארטאפעל, פוטער, גרינסען, סאלאטס, מילך, פרוכט און—וואסער.

אלע ווייסען, אז ווען פלייש איז גוט צוקאכט העלפט עס דער פערדייאונג. דורך פארשונגען איז אויך בעוויזען געוואָרען, אז דער איינפלוס פון גוט-געקאכטע פליישען אויף וואוקס און אויף רעפראדוצירונג איז פיל שטארקער ווי פון רויהע פלייש. ביי גרינצייג, ווידער, העלפט דאס קאכען ווייך מאכען די הארטע „פעדים", וואס געפונען זיך אין די גרינסען און צולאזט אויך דעם קראכמאל, וואס געפינט זיך אין דער שפייז, און מאכט דורך דעם א סך לייכטער די פערדייאונג.

רעטעך, יונגע ציבעלעס, גרינע אוגערקעס, סעלערי, קרויט און עהנליכע גרינצייגען קען מען עסען רויהע. אבער געוועהנליך דארף עס געגוצט ווערען אלס סאלאט איינאיינעם מיט א געקאכט מאלצייט. דאגעגען זענען פערהאן א סך אנדערע סארטען גרינצייג, וואס קענען נישט דינען רויהע אלס סאלאט, נאר מען מוז זיי אליין קאכען.

דער געזונדער מענשען-פערשטאנד לערנט אונז, אז אנ'אויטאמאביל וועט נישט ארבייטען ווי עס בעדארף צו זיין, סיידען ער האט די געהעריגע מאס הייץ-מאטעריאל. דאס אייגענע איז אויך דער פאל מיט אונזערע קערפער'ס.

Dr. Z. Rakowski

ספעציאליסט פאר אויערען-, נאז-, האלז-
און לונגען-קראנקהייטען

11-טען ליסטאפאד 9

(קאנסטאנטינער), טעלעפאן 127-81

שפרעכשטונדען פון 10—12 און 5—7, נעהמט אויך אן
און לעטשניצע וגעוושער 17 פון 10—12.

ביי ברוך שפינאזא'ן

(רייזע-נאטיצען) ‹◆›‹◆› פון ב. צ. גאלדבערג

קומט איהר קיין אמסטערדאם — שפינאזא, קומט איהר קיין האאג — שפינאזא.

דא האט ער געלעבט, דארט איז ער געשטארבען, די וועלט געדענקט דעם נאמען. האלאנד לאזט נישט פערגעסען.

און אט די מעלה לאזט מיר נאכזאגען דער מדינה האלאנד; זי פערגעסט נישט און בעהאלט ביי איהר דאנקבארקייט צו די יודען.

איך פאהר, למשל, איבער א שעהנער ברייטער גאס. אי קוק זיך איין אויפ'ן אויפשריפט: סארפאטי שטראס.

סארפאטי — סארפאטי — ווי קומט צו א האלענדער א נאמען סארפאטי? איז עס אקארשט נישט קיין יודישער נאמען? 3

אוודאי א יודישער נאמען, א ספרדי, וואס דען? אט דער סארפאטי האט עס געמאכט פון דער אלטער קליינשטעדטיגער אמסטערדאם די היינטיגע גרויסע קאמערץ-שטאט.

ער האט געמאכט דעם פלאן, אויסגעלייגט די גאסען, אריינגעלייגט זיין געלד — און דאס געלד איז פערפאלען געווען — אבער די פלענער זענען אדורך און אמסטערדאם איז אמסטער-דאם. ביי אנדערע נוים וואלט מען אין אזא סארפאטי פערגעסען, האלאנד געדענקט.

ארונטער שטאט איז דא א גאס, הייסט זי: יאנאס מאיר דניאל שטראס. ווער איז דער יאנאס מאיר דניאל? אלואי מארשאל געווען ביי די האלענדער יודען מיט א יאהר הונדערט צוריק.

ווייטער זענען דא א פאר „יאדען" גאסען און „יאדען"-שטראטען, און שפינאזא-גאסען — א שפינאזא-בלאק, א שפינאזא-היים פאר אלטע פרויען.

אויף דער שפינאזא-גאס גופא איז קיין שפינאזא-זאכען נישטא, אויב דארט האט שפינאזא געלעבט — האט ער געדארפט האבען א סך פרישע לופט, ווארים ס'איז אנטקעגען א פארק.

אויף אנ'אנדער הויז אנטקעגען דער פארטוגעזישער שוהל, ווייזט מען אייך אן, אז אט דא איז שפינאזא געבוירען געוואָרען, הייגט וואוינען דארט אויך שפינאזעס — קינדער פון פארטוגעזישע יודען אבער זיי פילאזאפירען נישט. זיי פערלען.

די אמסטערדאמער שטאט-רעגירונג האט אנערקענט די יודישע פעדלער-פראפעסיע.

פון דעם ארימען פראסטען פאלק איז שפינאזא ארויסגעקומען. און דא צווישען ארימע, פראסטע יודען איז ער געשטארבען. און צווישען זיי שטעהט אויך זיין מאנומענט. — א שווארצע בראנזענע סטאטוע. עס זיצט א שווארצער יודישער יונגערמאן, מיט א שארפער נאז און געקרייזעלטע האר און האלט זען און פאפיר אין האנט — ער זיצט און טראכט.

און אויפ'ן מאנומענט איז נישטא קיין אנדער אויפשריפט ווי דאס איין ווארט: שפינאזא. מעהר דארף מען נישט.

אנטקעגען מאנומענט אביסעל אין דער זייט, שטעהט א הויז מיט אנ'אויפשריפט: „היר וואאנדע שפינאזע וואן 1671, טאט צין דאט 1677".

איך בין אריין אין הויז: אינטען איז א לעזעזאל און אנ'אדיטאריום פאר דער שפינאזא-געזעלשאפט פון האאג. אויפ'ן ערשטען שטאק וואוינט עפעס א ווייסע אפגעקראכענע פרוי מיט א טוץ קינדער, און גאר אויבען, אין בוידעם, איז דא א בעזונדער צימער'ל, ווי א בודקע פאר א הונט — אט דארטען האט ער געלעבט שפינאזא, און דארט איז ער געשטארבען.

זיין טיש שטעהט נאך פון פראסטען גראבען האלץ. זיין שטוהל איז דא, פראסט האלץ מיט א לעדערנעם זיץ, א פאליצע אויף וועלכער עס שטעהען די ביכער, וואס מען האט געפונען ביי איהם, נאך זיין טויט. אויף א טייל פון זיי איז אנגעשריבען בעמערקונגען אין זיין האנטשריפט.

און אין וואנט, ווי א האלב-אפענער אלמער, איז געווען זיין בעט. אזוינע שלאף-אלמערס האב איך נאך היינט נישט געזעהן אין אמסטערדאם.

אט אזוי, אין ארימען בוידעם-בודקע פון אנ'ארים שטיבעל אין אנ'ארים געסעל איז אמאל געשטארבען — ברוך שפינאזא.

די אויפזעהערין פון הויז איז א פרוי, וואס האלט נישט פון קעמען זיך און וואשען זיך, און אפילו נישט פון אנטון זיך. זי איז ארומגעגאנגען אין זאקען און האט אן א פערשמאלצען פארטוך.

— זיינד זי יודיש? — פרעג איך.

— נעה, ניט יאדיש.

— קאטוליש?

— נעה, ניטך, נישט יאדיש, נישט קאטאליש, נישט פראטעסטאנטיש, ניטך.

——:0:——

ניי׳ער פאלקסבלאט

דאס לאדזשער לעבען

ניי׳ער פאלקסבלאט

פון האנדעלס־געריכט

פירמע „מ. בוראקאווסקי” בעקומען א נאדזור. — פירמע „א. געסנער” איבערגעגעבען דער פראקוראטור

אין שייכות מיט דעם אויפאדלאשטש פון אנבא מאריא געסנער, איז אין יוני ד. י. בעשלאסען געווארען, צו ליקווידירען די אקטיוון לטובת די בעל־חובות.

ווען מ׳איז צוגעטרעטען צו דער ליקווידאציע, האט זיך ארויסגעשטעלט, אז די ג. האט שוין פריער אלע איהרע אקטיוון, ווי די פאבריקאייבריכטונג, מעבעל, אויטא, פערד און וועגען אליין רעאליזירט.

די געסטיגע זיצונג פון האנדעלס־געריכט, האט זיך פערנומען מיט דער פראגע, און ס׳איז בעשלאסען געווארען דעם ענין איבערצושיקען דער פראקוראטור.

* * *

אויף דער נעכטיגער זיצונג, האט דאס האנדעלס־געריכט געגעבען א „נאדזור” דער פירמע „מאקס בוראקאווסקי”, לאמפען־געשעפט (זשעראמסקא 27). דער „נאדזור” איז געגעבען געווארען אויף 3 חדשים, אנהויבענדיג פון 25־טען יולי ד. י.

* * *

אין שייכות מיט דעם אויפאדלאשטש פון דער פירמע „איגנש. איבולסקי מיעזשע עווסקי און שותף”, האט דאס געריכט, צוליב דעם אפזאגען זיך פון סינדיק אדוו. געלאדע בעשלאסען, צו רופען א פערזאמלונג פון די קרעדיטארען, כדי צו וועהלען א נייעם סינדיק.

* * *

אויף דער לעצטער זיצונג, האט דאס געריכט דערלויבט דעם סינדיק פון דער געפאלענער פירמע „מיכאל קאן”, צו פערפאכטען די פאבריק פון דער דערמאנטער פירמע.

* * *

אין שייכות מיט דעם אויפאדלאשטש פון דער פירמע „קאפעל רודניצקי און אברהם איצקאוויטש” (לעשנא 3) איז אלס סינדיק באמיבירט געווארען דער סוחר יעקב פאבריקאנט.

קאנפליקט צווישען 3 פורמאנעס און קצבים

די פורמאנעס ווערען אנגעקלאגט אין אנווענדען טעראר. — פאליציי פיה־ט אן׳אויספארשונג. — ארעסטען

(2)) אויף דער אנקלאגע פון 20 יודישע קצבים, וואס איז דערלאנגט געווארען אין דער פאליציי, זענען געטען ארעסטירט געווארען די דריי ברידער פייבושעוויטש, דער 38 - יאהריגער יצחק (פון לאגעוניצקא 31), דער 37־יאהריגער דוד פון (לוטאמירסקא 17) און דער 36 יאהריגער פייוועל (פון לאגעוניצקא 34).

די געשיכטע פונ׳ם ארעסט איז, לויט דער אנמעלדונג פון די קצבים, פאלגענדע.

זייט יאהרען האבען די דריי ברידער פערמאגענדיג אייגענע פורמאנקעס צו איבערפיהרען פלייש, בעדינט די לאדזשער קצבים אריבערפיהרענדיג געשהטענע בהמות פונ׳ם באלוטער שחט־הויז.

א דאנק דעם, וואס די דריי ברידער זענען געווען אויסערגעווענליך שטארק, זענען זיי שנעל פטור געווארען פון זייערע קאנקורענטען פורמאנעס איב׳ם שחט־הויז, און איבערגענומען אין מאנאפאל דעם פלייש־טראנספארט אין זייערע הענד.

עס איז דעריבער קלאהר, אז בלייבענדיג קאנקורענצלאז, האבען די ברידער פייבושעוויטש זיך געהייסען צאהלען פאר׳ן אריבערפיהר, וויפיל זיי האבען געפונען פאר ענטשפרעכענד, און ווער ס׳האט חס וחלילה, געפרובט זיך געגענשטעלען, האט געמוזט בלייבען שווייגען אונטער א דראהונג...

אז פאליציי פלעגט ביי די געליטענע פרובען הערגיין, ווער ס׳האט זיי „צורעבטגעמאכט” פלעגט מען בעסער זיך אפהאלטען פון רעדען, אדער פלאנטערען מיט דער צונג, אז מ׳ווייסט נישט ווער די מעסער־שטעכער זענען געווען, ווייל ס׳איז גראד געווען פינסטער...

האט עס אזוי געדויערט א קימאלן פון 5 יאהר, און מחמת דעם מס, וואס די פורמאנעס האבען אויף די ארויפגעלעגט, האט פלייש אויך געמוזט טייערער קאסטען, ווארום די קצבים האבען דאך געמוזט דעקען זייערע זייטיגע הוצאות.

לעצטענס האבען עטליכע רייכערע איינהאבער פון יאטקעס בעשלאסען ענערגיש געגענשטעלען זיך דעם טעראר פון די דריי ברידער, און אריבערפיהרען דאס פלייש פונ׳ם שחט־הויז אויף אייגענע פורמאנקעס.

דער דאזיגער בעשלוס האט די ברידער פייבושעוויטש געטראפען אומגעריכטערהייד, און ס׳איז אויסגעבראכען אנ׳אפיציעלער קאמף צווישען די פיער רייכע קצבים און די דריי ברידער־פורמאנעס.

דער רעשט עולם האט זיך בייגעריג צוגעקוקט, וואס דערפון וועט אלץ קאנען ווערען.

דער סוף פונ׳ם קאמף איז געווען, אז אלס בעלי־נצחון זענען ארויס די ברידער:

אין איינעם א ביינאכט האבען „אומבעקאנטע פערברעכער” ארויסגעגנב׳עט אלע רעדער פון די קצבישע פורמאנקעס.

אין דער זעלבער נאכט האבען פאליציי־פאט־

דולען געפונען די 4 קצבים צושטאכענערהייד אין פערשידענע גאסען פון דער שטאט.

דאן פערשטייט זיך, האבען אויך די פיער „בוטשערס” קאפיטולירט.

אין שייכות מיט דער „געוואונענער מלחמה” האבען די פייבושעוויטשעס ארויפגעלייגט אויף די קצבים א נייעם מין שטייער אין דער הויך פון 200 זל. פון יעדערען.

דערפאר האט איטליכער פון די „שטייער־צאהלער” בעקומען דאס רעכט צו בענוצען זיך מיט אנ׳אייגענער פורמאנקע.

אר׳מעיקע קצבים האבען בעקומען דיזעלבע פריווילעגיע פאר צאהלען לטובת די פייבושעוויטשעס 20 זל. חודשליך. (דאך יושר!)

מילא איז דער רוב קצבים אויף דעם איינגעגאנגען, אבער 20 זענען נאך אויסגעבליבען, וואס כע האבען בעשלאסען ב ייזיך, אז זיי זענען נישט מהוי׳ב צו טיילען זיך מיט זייער פרנסה, און זיי האבען וועגען דעם גאנצען ענין אריינגעטראגען אנ׳אנקלאגע אין אויספארשונגס־אמט.

דער ערשטער רעזולטאט דערפון איז געווען, אז פרייטאג האבען אלע קצבים, וואס זענען זיך בעגאנגען קלאגען, בעקומען אויפפאדערונגען פונ׳ם אויספארשונגס־אמט, כדי צו געבען גענויע דערקלעהרונגען.

א פאלשער עלעקטראווניע־קאנטראלער

לעת עתה האבען זיך געמאלדען 60 בעשווינדעלטע

(א) א געשיקטער פויגעל־בחור, דער 21־יאהריגער זיגמונט־סטאניסלאוו יאנקיעלסקי (פון אבראמאווסקיעגא 38). א צייט לאנג איז זיין בעשעפטיגונג געווען ארומצוגיין איבער פערשידענע עלעקטרע־קאנסומענטען, אלס כלומר׳שטער קאנטראלער פון דער עלקטראווניע—מיט א געפעלשטער בעפולמעכטיגונג, פלאמבען־צוואנג, קוויטאריוש און... אפילו רעוואלווער—און איינמאהנען פאר זיך פערשידענע קלענערע סומען פאר ארונטערגעריסענע פלאמבעס, וועלכע ער פלעגט אליין ארונטעררייסען, און פאר אנדערע דורך איהם געמאכטע דעפעקטען.

ידיעות וועגען איהם זענען אנגעקומען, וואו מען דארף, און נעכטען האט מען איהם געפאקט ביי דער „ארבייט” אויף פאלודניאווא 7 ביי מאלקיעוויטשן אין געוועלב.

ער איז שוין ארעסטירט.

דערווייל זענען אנגעקומען 60 אנקלאגעס אויף זיין שווינדלערישער טעטיגקייט.

מ׳האלט זיך, ווי מען קאן

אפילו אויף דער פאסט פיהלט זיך דער קריזיס

(2) אין משך פון די פערגאנגענע יאהרען זענען אין בעזונדערע מלוכה׳שע אינסטיטוציעס, בפרט אויף דער פאסט, אין די זומער־חדשים אנגעזשירט געווארען פערטרעטער פון די בריף־טרעגער, וועלכע פלעגען בעקומען אורלויב.

אין שייכות מיט די אלגעמיינע אפשפארונגען ווערט אבער הייאהר נישט גענומען קיין פערטרעטונגס־פערסאנאל, און די ארבייט אין פערטיילט געווארען צווישען די בעאמטע אזוי, אז איטליכער וועט דארקאיען געניסען פון אורלויב, בעת אנ׳אנדערער וועט די צייט אפארבייטען.

די אורלויבען וועלען דעריבער מוזען געדויערען, אבשטאט, ווי געוועהנליך, אין די זומער־חדשים — א קיילעכדיג יאהר.

געוואלט פטור ווערען פון א שוועסטער

וועלען זיי איצט נישט פטור ווערען דעם שטאנד־געריכט

(2) עהערגעכטען האבען די 2 ברידער לודוויק און אדאלף רינקע (אין דארף יאנאוו, היגטער לאדז) אנגערעדט זייער פאראבעק, דעם 17־יאהריגען ארטור קורץ, ער זאל אויף זייער שוועסטער, די 33־יאהריגע אמאנדא, איבערקעהרען א וואגען מיט היי, כדי ס׳זאל הייסען פאר דער וועלט, אז פון א צופאל איז זי דערשטיקט געווארען...

ס׳איז פערפיהרט געווארען אנ׳אויספארשונג, און ס׳איז שוין פעסטגעשטעלט געווארען, אז די 2 ברידער ווילען פטור ווערען די שוועסטער, כדי אליין צו האבען דעם פאטערס ירושה, און אז איינמאל האבען זיי זי שוין געפרובט פער׳סמ׳ען.

די ברידער ווילען געשטעלט ווערען פאר א שטאנד־געריכט אין לאדז.

זונטאג

כז

31

תמוז תרצ״ב

יולי

זון־אויפגאנג	3.52
זון־אונטערגאנג	7.32

רעגיסטראציע פון ארבייטסלאזע וועגען אונטערשטיצונגען

מארגען, מאנטאג, הויבט אן דער אונטערשטיצונגס־אמט ביים מאגיסטראט די רעגיסטראציע אויף דרינגענדע אונטערשטיצונגען פאר ארבייטסלאזע פיזישע ארבייטער לויט׳ן פאלגענדען סדר:

מאנטאג, דעם 1 אויגוסט, די אותיות:
A, B, C, D, E, F, G, H, I, J,
דינסטאג, דעם 2 אויגוסט, די אותיות:
K, L, Ł, M, N, O, P,
מיטוואך, דעם 3 אויגוסט, די אותיות
R, S, T, U, W, Z, Ż,

אין דער „שלעסער־מאנופאקטור”

דויערט נאך דער שטרייק. הגם מ׳האט שוין מעהר ווי א העלפט אויסגעצאהלט

(2) פידוע דויערט שוין 3 טאג דער שטרייק אין דער „שלעסער־מאנופאקטור” אין אזארקאוו, מחמת דעם, וואס עס זענען נישט אויסגעצאהלט געווארען די ארבייטער פערלעגענע לוינען אויף א סומע פון 60,000 זל.

נעכטען זענען שוין 34 טויזענד זלאטעס אויסגעצאהלט געווארען, און די פאבריק־אדמיניסטראציע פערזיכערט, אז דער רעשט וועט צוגעצאהלט ווערען ביז דינסטאג.

די ארבייטער אבער שטרייקען נאך, און היינט ערשט וועט ביי זיי בעשלאסען ווערען, צי זאלען זיי מארגען צוטרעטען צו דער ארבייט, צי נישט.

נייער שטראף־קאדעקס

וועט נישט קאנען מיטאמאל רעאליזירט ווערען

(2) לויט ווי מ׳אינפארמירט אונז פון יורידישע קרייזען, וועט דער נייער שטראף־קאדעקס, וועלכער וועט אריין אין קראפט אין א חודש ארום—נישט קאנען אויסגענוצט ווערען אין דער גאנצער ברייטקייט נאך א לענגערע צייט.

נוגע וועט עס זיין, אין דער ערשטער רייה די פונקטען, וואס זעהען פאר אינסטיטוציעס, וועלכע די ביז־איצטיגע שטראף־קאדעקסען, וואס זענען פערפליכטענד געווען אין לאנד, זענען נישט געווען פאראויסגעזעהן.

אפטייקען

היינטיגע נאכט־דיזשורען

(2) היינט ביינאכט דינזשורירען: ש. יאנקעלעוויטש (אלטער מארק 9), ז. שטעקעל (לימאנאווסקיעגא 37), ב. זליקאווסקי (נארוטאוויטשא 6), ס. האמבורג (גלובנע 50), ל. פאוולאווסקי (פעטריקאווער 307), און א. פיאטראווסקי (פאמארסקא 91).

יודיש טעאטער אין „פילהארמאניע”

פערבאנד־טרופע פון א.א.פ. אין פוילען. אנפיהרונג: א. בעזמאו.

היינט, זונטאג, 9 אווענד

אווענד־פרייזן פון 50 גר. ביז 2 זל.

ווידערהאלונג פון דער פרעמיערע

2 פארשטעל. פאר איין בילעט

מרים קאראלאווא׳ס סוקצעס

דער בעריהמטער אמעריקאנער שלאגער

1) „אהז א מאמע”

אין 3 אקטען פון זאלאטארעווסקי

רעזשי — פ. קאמבאראוו. מיט מרים קאראלאווא אין דער הויפט־ראלע.

2) צום שלוס א גראנדיעזער קאנצערט מיט אנטייל פון די ליבלינגע מרים קאראלאווא, אדאלף טעפנער און פ. קאמבאראוו, וועלכער וועט אויספיהרען אריגינעלע עקסצענטרישע טענץ.

אכטונג! צווישען אנדערע וועט מאדאם קאראלאווא אויספיהרען די שענסטע רוסישע ציגיינער־ראמאנסען אין בעגלייטונג א ציגיינער־כאר.

מארגן, מאנטאג צום לעצטן מאל

דעם בעקערס טעכטערל

ביליגע פרייזען!

טעאטער „סקאלא"
15 שרודמיעסקא 15

לעצטע פרעמיערע! לעצטע פרעמיערע!
פון דער בעליבטער ארטיסטין, שטערן פון ניו-יארקער קונסט-טעאטער
בערטא גערסטען
היינט, זונטאג, דעם 31-טן ד. ח. 9 אווענד — צום 2-טען מאל
„די פרוי, וועגן וועלכער מ'רעדט"...
טראגיקאמעדיע אין 3 אקטען פון י. ניקארדעמי
מיט אנטייל פון ערשטקלאסיגען ארטיסטן-אנסאמבל:
גערסטען בערטא, בארסקא-פישער, שילער רבקה, ראזענבלום דבורה, בוזגאן חבל, בליאכער שבתי, לאנדוי שמואל, מעלניק נחום, סטרוגאטש יוסף, שריפטזעצער לייב.
צדמ. לייטונג: אסס. טעכנ. לייטער: ק. גוטמאן. סופליאר: מ. אייזענבערג.
בילעטן אין קאסע פון 11—1 און 5—9. דאס טעאטער איז מעכאניש ווענטילירט און ס'איז זייער קיהל.

פאטענטען אויף צווייטע האלב-יאהר

לעצטענס האט זיך אין די פינאנץ-אמטען פערשטארקט די בעוועגונג ביים אויסקויפען פאטענטען אויפ'ן צווייטען האלבען יאהר.

די דאזיגע פאטענטען דארפען שפעטסטענס אויסגעקויפט ווערען ביז'ן 1 יולי, אבער מחמת דעם אלגעמיינעם שטילשטאנד אין מסחר, איז דער רוב סוחרים ממש נישט בכוח אויסצוקויפען די פאטענטען.

לעצטענס ווערען צונויפגעשטעלט א סך פראטאקאלען פארן האנדלען אהן פאטענטען.

נייע הויז-בלאקען פו ז.או.פ.או.

(2) לויט ווי מיר האבען שוין געמאלדען, האט מען לעצטענס אנגעהויבען צו פערדינגען דירות אין דעם נייעם בלאק פון דער ז. או. פ. או־קאלאניע, אויף דער ניי־פאביאניצער גאס.

די דאזיגע וואוינונגען אין דעם אקארשט פערענדיגטען בלאק 11 זענען שוין כמעט אלע פערדינגען. בלויז עטליכע זענען נאך פריי.

אין פערלויף פון די באהענטסטע 2 חדשים וועט אויסגעפערטיגט ווערען דער לעצטער בלאק, וואס איז בעצייכענט מיט דעם ציפער 1 און אין משך פון חודש אקטאבער וועט ער איבערגעגעבען ווערען אין רשות פון לאקאטארען.

מיט פערדינגען דעם בלאק נומער 1 וועט פערגעלטיג פערענדיגט ווערען די בוי־אונטערנעהמונג פון ז. או. פ. או. אויפ'ן שטח פון לאדז.

נאר א לויז-רעדוקציע

(2) חי בעהאוסט — האט די דירעקציע פון די לאדזער צופאהר-טראמוואיען געקינדיגט אלע איהרע ארבייטער און אנגעשטעלטע.

ווי מיר דערוויסען זיך איצט, וועט די דירעקציע נישט אדורכפיהרען קיין פערסאנאלע רעדוקציע, נאר רייסען 30 פראצענט פון שכירות

האפענדע פרויען און יונגע מוטערס
העלפט דאס נאטירליכע ביטערוואסער
Franciszka Józefa
צו א נערעגעלטער מאגען- און דארם טעטיגקייט
צו בעקומען און אלע אפטעקען און סקלאד-אפטעקעס.

די אקציע פון ביליגער מאכען דאס דירה-געלד

וועלכע פעראיינען נעמען-אן אונטערשריפטען אויף דער פעטיציע

דער לאקאטארען־פעראיין, איז זייט 2 וואכען צוגעטרעטען צו זאמלען אונטערשריפטען אויף א פעטיציע וועגען פערביליגערען דאס דירה־געלד ביז איצט איז געזאמעלט געווארען 30 טויזענד אונטערשריפטען. די דאזיגע אקציע וועט געפיהרט ווערען נאך איין חודש. נאכ'ן פערענדיגען די אקציע, וועט די פעטיציע צוזאמען מיט די אונטערשריפטען, איבערגעגעבען ווערען צו די מאסגעבענדע פאקטארען.

אין צוזאמענהאנג מיט דער באטיק אין פריי־טאג־נומער „נ. פאלקסבלאט", אז אומבעקאנטע מענשען געהען ארום זאמלען אונטערשריפטען, און נעמען א געוויסען אפצאהל פאר דער טרחה, טיילט דער לאקאטארען־פעראיין מיט, אז אונטערשריפטען אויף דער דערמאנטער פעטיציע בעמען אן: דער לאקאטארען־פעראיין, אויף וואלטשאנסקא 77, און אין די האנדווערקער־און קלייגהענדלער־פעראיינען וועלכע האבען זיך אליין אנגעשלאסען אין דער דאזיגער אקציע.

טרויעריגע אויסניכטערונג נאך א „פרעהליך" פערבראכטער נאכט

(2) אין דער נאכט פונם 3 אויפן 4 נאוועמבער פ. י. האט דער אינהאבער פון א לאדזער אפטייק סקלאר אויף פעטריקאווער 157, ה' ארנא דיטעל, זיך געלאזט וואוילגיין אין „מולען רוזש" (מאניושקי 1), און אז מ'האט איהם דארט געמאכט א חשבון פאר א פלעשעל קאניאק — 200 זלאטעס, האט ער געמאכט א סקאנדאל.

עטליכע קעלנער'ס האבען איהם דאן אזוי „געלערענט שכל", אז מ'האט איהם געמוזט אוועקפיהרען א היים..

דאס געריכט האט נעכטען פערמשפט די קעלנערס: אליה הארנ'ען-אויף א חודש טורמע; עדווארד פשיבולעק'ן — אויף 6 וואכען; אדאלף דינאולען און חיים טענענבוים'ען — צו צוויי וואכען.

אימיגראציע-בעגרענצונגען אויך פאר סטודענטען

(2) אין א רייה לענדער זענען איינגעפיהרט געווארען אימיגראציע־בעגרענצונגען פאר אזעלכע גרופען מענשען, וואס האבען לעת־עתה געגאסען אין דיזעלבע לענדער פון פולשטענדיגען וואוינרעכט. נאך פערשידענע בעגרענצונגען פאר אימיגראנטען אין פראנקרייך און בעלגיען, האבען אויך די פעראייניגטע שטאטען פערשארפט די אימיגראציע־פארשריפטען, און צ. א. אויך פאר סטודענטען, וואס ווילען שטודירען אין די אמעריקאנישע הויכשולען.

PRYWATNE POGOTOWIE LEKARSKIE
TEL. 12-333 ZIELONA № 6.
Szybka pomoc lekarska.–PRZEWÓZ CHORYCH

גוט מארגען!

נשרפים, נעבעך!..

אויב מיר זאגען „נשרפים", מיינען מיר נישט, די „נשרפים", וואס קומען יעדען זומער מיט „כתבים" קיין לאדז נעמען נדבות. מיר מיינען די „נשרפים", וואס זענען געבען „אפגעברענט" געווארען אויף די פליאזשעס און אין די קור-ערטער.

די ערשטע דאזיגע פארטיע „נשרפים", האט מען שוין געזעהען די לעצטע טעג אויף דער פיעטריקאווער-גאס. אין די פארקען, אין טעאטער און אין די קינא'ס — די ערשטע, וואס האבען גענדיגט די אורלויבען.

זענען זיי אלע אפגעפרעגעלט ווי ברוינע טשאלענט-קארטאפעל. מיט ווי פאקוס-אנגעשמירט פנימ'ער און פייער-רויטע ליסינעס...

געהען זיי, די ברוין-הויטיגע און רויט-ליסיבי געמיט פערריסענע קעפ, אהן די מארינארקעס, אהן קראגען'ס און אהן שניפסען, מיט דעקאלטירטע לייכטע העמדלעך, בלויע און קאנארקאווע — און שוויצען!..

אומעטום זעהט איהר זיי, די „נשרפים", אין די בלויזע „תחתונים" פערגעבען ווי זיי שטאלצירען געגען די וויס-הויטיגע, וואס האבען נישט געהאט די מעגליכקייט צו כאפען א „זענג"...

טאמער בעגעגענט איהר עניץ אזא „נשרף", טוט איהם א טובה, און זאגט איהם:

אך, ווי שעהן איהר האט זיך „פאפראזוויטש!"...

קויפט אייך א מצוה, און זאגט די פאר ווערטער!..

אב—נעק

אמטליכעם

(א) נעכטען האט זיך צוריקגעקערט פון זיין אורלויב און איבערגענומען זיין אמט דער פאסט-דירעקטאר, ה' מיקולסקי.

ר. איזראעל

דאס בופעט-מיידעל

א סענסאציאנעל-עראמישער ראמאן פון דער לאדזער ווירקליכקייט

(82

פון דערוויטענס איז פראנקענשטיין געבליבען שטעהן און נישט געהאט קיין דרייסטקייט צוצוגעהן נעהנטער צו זייך הויז. פאר די אויגען האט איהם אנגעהויבען שווינדלען, דאס הארץ האט איהם געקלאפט ווי ביי א גזלן. נאך איין מינוט און ער וואלט זיך געווען דעצידירט אריינצוגעהען אין הויז ארויפצוגעהען אין דער וואוינונג.

— וואו דען זאל איך געהן? פאר וועמען זאל איך רעדען? מיט וועמען זאל איך זיך זעהען, אויב נישט מיט מיין פרוי מיט מיינע קינדער, פאר־וואס שטעה איך דא ווי א בעטלער, ווי א פרעמדער און האב נישט קיין מוט אריינצוגעהען צו זיך אליין.

נישט קוקענדיג אויף זיינע לאגישע ארגומענטען האט ער דאך נישט געקענט אריינגעהען צו זיך, מורא האבענדיג פאר די קאנסעקווענצען הגם ער האט נישט געוואוסט פאר וועלכע.

שריט ביי שריט האט ער זיך דערנעהנטערט צו זיין וואוינונג, ווי א הונד האט ער געקוקט אין די פענסטער פון זיין וואוינונג, ער האט געמיינט אז אט, אט וועט זיך אין פענסטער בעווייזען אימי־צער פון זיינע טייערסטע, אפשר יהודית? אין אפ־שר וועט ער דערזעהען אלע צוזאמען מיטאמאל. אבער קיינער האט זיך נישט בעוויזען. די פענס־טער זענען געווען ווי פערהעמערט, ווי קיינער וואלט זיך, צו זיי שוין לאנג נישט געווען צוגעריהרט. ער האט אבער געווארט און געהאפט אז דאך וועט ער אימיצען דערזעהען אפשר וועלען זיי באלד ארויס געהן, אידא אין הערמיט און די צוויי קינדערלעך ביי ביידע זייטען, אבער א לאנגע צייט האט זיך קיינער נישט בעוויזען, און פראנקענשטיינס אויפ־רעגונג איז אלץ מעהר געשטיגען. ער האט זיך געדרעהט הין און צוריק שוין נישט טראכטענדיג וועגען קיין שום געפאהר פאר זיך.

אין דעם אויגענבליק איז איהם איינגעפאלען א געדאנק אז ער וועט פון דאנען אנטלויפען, זיך פאר קיינעם נישט ווייזען. דער איינציגער מענש פאר וועלכען ער קען זיך פערטרויען און וועלכער קען איהם אן עצה געבען וואס ווייטער צו טון, איז זיין אדוואקאט, דער אדוואקאט פארעלסקי, וועלכער איז אויפריכטיג איבערצייגט געווען אין זיין אונשולד, און וועלכער האט זיך אזוי שטארק בעמיהט די דאזיגע אונשולד זיינע צו בעווייזען.

דער דאזיגער געדאנק האט זיך איהם אויס־געוויזען פאר א גליקליכען און האט בעשלאסען גלייך אוועקצוגעהען צום אדוואקאט, ס'איז גראד אין דער צייט פון דעם אדוואקאטס אויפנאהמס־שעה'ן און פראנקענשטיין האט זיך אוועקגעזעצט אין דער רייה צוגלייך מיט אלע אנדערע קליענטען, פון דעם אדוואקאט און געווארט אויף זיין רייה.

פראנקענשטיין איז געווען מיד און הונגעריג, און ער האט איינגעדרימעלט, איהם האט ערשט אויפגעוועקט דער וואזשני, וועלכער האט געזאגט:

— ס'איז אייער רייה צום אדוואקאט. געהט אריין אין קאנצעלאריע.

פראנקענשטיין איז אריינגעגאנגען און זיך גע־שטעלט נעבען דער טיר.

— געהט ווייטער האט דער אדוואקאט העפליך געזאגט. איהר זענט דאס ערשטע מאל ביי מיר, ביטע, וואס פערלאנגט איהר.

— ביי אייך, אין שטוב בין איך דאס ערשטע מאל, האט פראנקענשטיין געענטפערט, אבער מיט אייך, האב איך גערעדט שוין מעהר ווי איין מאל.

די שטימע איז פארעלסקין אויסגעקומען בע־קאנט, ער האט זיך גוט איינגעקוקט אין דעם גע־דיכט בעוואקסענעם פערשוין מיט גרויע האר און שווארץ גרוי פנים, אבער ער האט נישט געוואוסט ווער דאס איז.

— איהר האט א טעות, מיט מיר האט איהר נאך קיינמאל נישט גערעדט, איך האב א זעהר גוטען זכרון, און איך וואלט דאס געדענקט.

— און דאך, הער אדוואקאט, מעהר ווי איין מאל האב איך מיט אייך גערעדט, מעהר ווי איינ־מאל פאר אייך דאס הארץ און די נשמה אויסגע־גאסען, מעהר ווי איינמאל פאר אייך געוויינט מיט ביטערע טרערען...

פארעלסקי האט זיך אויפגעהויבען פון זיין ארט, ער איז געשטאנען אזוי ווי אימיצער וואלט מיט א האמער איהם געשלאגען איבער'ן קאפ, ער האט געהערט יעדעס ווארט וואס דער אונבעקאנטער האט גערעדט, אבער קיין איין ווארט נישט פערשטא־נען, ער האט געקוקט אויף דעם מענשען, ווי יעדער וואלט פון זינען אראפ און איינציגווייז האט ער זיך איבערצייגט, אז דער מענש איז טאקע נישט ביים קלארען זינען און מ'דארף זיין מיט איהם פארזיכ־טיג, דאך איז די שטימע פון דעם מענשען איהם געווען שטארק בעקאנט, הגם דער אדוואקאט האט זיך בשום אופן נישט געקענט דערמאנען וואו ער האט די דאזיגע שטים געהערט.

— אזוי איבעריגענס, האט דער אדוואקאט געזאגט איז מעגליך. אז איהר זאלט שוין האבען מיט מיר רעדען עס איז גערעדט, איהר ווייסט דאך, אזויפיל מענ־שען געהען טאג-טעגליך פערביי מיר, מען מוז אויסהערען אזויפיל געשיכטען פון מענשליכע ליי־דען און אומגליק, אז מען ווייסט ווירקליך נישט מיט וועמען מ'האט יא גערעדט און מיט וועמען נישט.

— אבער קיינעמס געשיכטע פון אומגליק און ליידען איז נישט אזוי שרעקליך און מוראדיג ווי מיינע.

פראנקענשטיין האט זיך מעהר נישט געקענט איינהאלטען און איז אויסגעבראכען מיט א ספאזמאטישען געוויין.

(פארטזעצונג קומט).

דער מאגיסטראט וועט אונטערשטיצן די פאדערונגען פון די סעזאָן-ארבייטער

(2) נעכטען אינדערפריה איז אין לאָדזער מאַגיסטראַט פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון מאַגיס-טראַט פאַרשטייער מיט פאָרשטייער פון פראָפעס-יאָנעלע פעראייניגען מכּוח'ן בעקומען ביי דער פער-וואַלטונג פון אַרבייטסלאָזען-פאָנד אַ הסכּם אויף אויסצאָהלען שטיצע די סעזאָן-ארבייטער, הגם זיי וועלען נישט אָפּארבייטען דעם סכום טעג, וועלכע עס פאָדערט די נאָוועלע צום געזעץ וועגען פער-זיכערונג אין פאַל פון אַרבייטסלאָזיגקייט.

דער שטאָט-פּרעזידענט, ה' זשעמיענצקי האָט צוגעזאָגט בעמיהען זיך דעם הסכּם אויסצופועלן.

דער חשבון שטימט

געשמוגעלטע זיידענע זאקען פון דייטשלאַנד

(2) וואָס איז די מעשה וואָס אַ פּאָר פּוילישע זיידענע זאָקען קאָסטען 8 זלאָטעס, און אויף די היגע מערק ווערען זיי פערקויפט צו 5—6 זל.?

איז דער תירוץ: אין דייטשלאַנד קאָסט אַ פּאָר זיידענע זאָקען אַנדערטהאַלבען גאָלד-מאַרק, און אַז מ'שמוגעלט זיי קיין פּוילען קאָן מען זיך זיי פערגינען צו פערקויפען צו 5—6 זלאָטעס...

אַט למשל האָט מען נעכטען אויפ'ן שאָסיי לאָדז—אַלעקסאַנדער פערהאַלטען דעם פויער יאַן פיגאַס פון פּראַסקאַווא-גורא, וועלכער האָט חדשים לאַנג אַריבערגעפיהרט קיין לאָדז געשמוגעלטע פּעקלעך זאָקען, צוגעדעקט מיט שטרוי...

ווער עס זענען געווען זיינע קליענטען ווייסט ער נישט.

די לעצטע טעג פון נאך סעזאָן-אויספערקויף אין קאָנסום ביי דער ווידזעווער מאַנופאַקטור

דער פּראָקלאַמירטער דורך דעם איינציגען אין אונזער שטאָט וואַרען-הויז קאָנסום ביי דער ווידזעווער מאַנופאַקטור ראָקיטשיגער 54, נאָך-סע-זאָן-אויספערקויף האָט אַרויסגערופען צווישען די ברייטע מאַסען אַן אומגעהויערע סענסאַציע. ס'איז נישט קיין וואונדער, ווארום דער קאָנסום פערקויפט טישטיכער צו גערטנער, טאַשען-טיכלעך, ליילעכער, האַנטיכער, איינפאַכע און באַדע, עלעגאַנטע ספּאָרט-העמדער א. א. וו. צו זעהר נידריגע פּרייזען. אויסערדעם רעשטלעך פון די ווידזעווער אויסאַר-בייטונגען צום פּרייז פון 5 זל. 7 זל. און 10 זל. פאַר אַ פּעקל. אַלזאָ, דאַרפען דעריבער אַלע הויז-ווירטינס אויסנוצען די איינציגע געלעגענהייט און אַליין נאָך איינקויפען אין קאָנסום ביי דער ווידזעווער מאַנופאַקטור.

50-יאָהריגער יובילעאום פון דער 4-טער אָפּטיילונג לאָדזער פייערלעשער

(2) נעכטען האָט די 4-טע אָפּטיילונג פון די לאָדזער פייערלעשער געפייערט דעם 50-טען יאָר-טאָג פון איהר עקזיסטענץ.

די פייערונג איז פאָרגעקומען אין דעם בנין פון די פייערלעשער אויף נאַפּיורקאָווסקיעגאָ 64.

אַן אומגליקספאַל

(א) אויף אַלט-מאַרק 12 איז נעכטען אַרונ-טערגעפאַלען פון די טרעפּ די 32 יאָהריגע מרים פריידענבערג. זי האָט זיך ביים פאַלען צובראָכען דער רעכטען פוס און צוקאַליעטשעט דעם קאָפּ.

טאַבאַק אנשטאט קאַרטאָפעל

(2) אין דעם דאָרף באַרקי, ווילונער קרייז, האָט אַ קאָנטראָל-קאָמיסיע אַנגעטראָפען אויף אַ שטיק פעלד פון'ם פויער סטאַניסלאַוו גאַלינסקי, וועלכער איז אויף אַ שטח פון 300 קוואַדראַט-מעטער געווען פערזייהט מיט טאַבאַק.

גאַלינסקי ווערט צוגעצויגען צו פאַראַנט-וואָרטליכקייט פאַר'ן פרובען קאָנקורירען מיט'ן טאַבאַק-מאָנאָפּאָל, און דער טאַבאַק וועט נאָכ'ן שניט קאָנפיסקירט ווערען.

צוטראָטען פון פערד

(2) בעת דעם נעכטיגען, 8-טען פערד-לויף אין רודא האָבען פּאַסירט 2 אומגליקען מיט די זשאָקייען קאָשימיעזש זאַגאָרזשינסקי און זיגמונט לעוואַנדאָווסקי, וועלכע זענען אַרונטערגעפאַלען און שטאַרק צוטראָטען געוואָרען דורך די לויפענדיגע פערד.

מ'האָט זיי געמוזט אָפּפיהרען אין שפּיטאָל.

סוף פון אַ באַהן-גנב

(א) צווישען פּיעטריקאָוו און קאַמיענסק איז דער באַהן-גנב סטאַניסלאַוו קאָזלאָווסקי אַרונטער-געפאַלען אונטער אַ צוג. דער רעזולטאַט איז גע-ווען אַן אָפּגעשניטענער פוס, אַ צושפּאָלטענער קאָפּ און עטליכע צובראָכענע ריפּען.

אַרויספאָדערונגען פון א"י

עס זענען ערהאַלטען געוואָרען רייזע ער-לויבנישען פון ארץ ישראל פאַר פאָלגענדע פער-זאָנען: אברהם און חוה מינדאל, יצחק רוזאליא פאָגעל.

די דערמאָהנטע פערזאָנען דאַרפען זיך ווענ-דען אין א"י-אַמט (שרודמיעסקאַ 29) בכדי צו ער-לעדיגען די רייזע פאָרמאַליטעטען.

ספּאָרט

בר-כוכבא — מאָרגענשטערן 5:0 (2:0)

שטערן — יוטשניאַ 1:0 (0:0)



היינט פּראַכטיגע פּרעמיערע!

די אויפטרייסלענדע סענסאַציאָנעל-עראָ-טישע דראַמע, וואָס איז פול מיט עמאָ-ציעס און סענטמענטען, און שילדערט דאָס הינטערקוליסען-לעבען פון די אַמעריקאַנער מיליאָנערען און פון די העלדען פון דער אונטערוועלט א. ג.

די אומשולדיגע בעל-עבירה'ניצע

אין די הויפּט-ראָלען: JEAN GRAWFORD, Clark Gable, Neil Hamilton.

הנחה-בילעטן גילטיג אָהן בעגרענצונגען. דער זאַל איז מעכאַניש ווענטילירט און געקיהלט. — אָנהויב 5.30 נאָכמ., שבת און זונטאָג 2.30 בייטאָג.

Dr. med. H. GUTSZTADT

ספּעציאַל-ארצט פאַר אַקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען

ZACHODNIA 62 (Śródmiejska 14)

צוריקגעקעהרט.

נעהמט אָן פון 4—7 אָוונד.

מרים קאַראַלאָווס נייער ערפאָלג

היינט ווערט אין פילהאַרמאָניע געשפּילט זאַלאַמאַרעווסקי'ס „אָהן אַ מאַמע" מיט מרים קאַ-ראַלאָווא אין דער הויפּטראָלע. צום סוף ווערט געגעבען אַ גרויסער קאָנצערט.

פון רעווי-טעאַטער „גאַנג"

מיט גרויס ערפאָלג שפּילט אין גאָרטען פון סקאַלאַ-טעאַטער שרודמיעסקאַ 17, דאָס רעווי-טעאַטער „גאַנג".

דער לעצטער פּראָגראַם ענטהאַלט אַ רייהע גלענצענדע נומערן, וועלכע ווערען שטאַרק אַפּ-לאָדירט.

ראַדיאָ-פּראָגראַם

זונטאָג, דעם 31 יולי

10.00 רעליגיעזע מוזיק. 10.30 רעפעראַט. 10.45 רעליגיעזע מוזיק פון גראַמאָפאָן-פּליטען. 11.00 טראַנסמיסיע פון גדיניע. 12.55 מעטעאָראָ-לאָגישער קאָמוניקאַט. 1.00 רעפעראַט. 1.15 מוזי-קאַלישער פריהמאָרגען פון „העלענאָוו", אויסגע-פיהרט פון לאָדזער פילהאַרמאָנישען אָרקעסטער אונטער דער דיר. פון סעווערין פּיעטרושקאַ. 2.00 טראַנסמיסיע פון גדיניע. 3.25 פאָלקס-מוזיק. 3.40 ראַדיאָ-וואָך פאַר יוגענד. 3.53 פעליעטאָן. 4.05 וועלטערישע אויריציע. 4.45 אַנגענעהמע ידיעות. 5.00 נאָכמיטאָג-קאָנצערט. 6.00 רעפעראַט. 6.20 מיליטער-קאָנצערט פון טשעכאָסלאָוואַקיי. 7.15 פער-שידענעס. 7.35 פּאָסט-קעסטעל. 7.50 ספּאָרט-קאָמוניקאַט פון לאָדז. 8.00 אָוונט-קאָנצערט. בעת דער פּויזע ליטעראַרישע פּירטעלשעה. 9.50 ספּאָרט-ידיעות פון דער פּראָווינץ. 10.00 טאַנץ-מוזיק. 10.40 קאָמוניקאַט פאַר לופטפּליה-קאָמוני-קאַציע. 10.45 ספּאָרט-ידיעות פון וואַרשאַ. 10.50 טאַנץ-מוזיק.

אויסלאַנד

10.30 וויען — סימפאָנישער קאָנצערט. 11.30 שטוטגאַרט — אָפּערע. 8.30 מיילאַנד — „אברהם און יצחק", ביבלישע אויריציע. 8.40 בריסעל — קאָמעדיע. 8.45 רוים — אָפּערעטקע.

— די — בעוואוסטע פעלד-בעטן „Palma-Patent"

Palma-Patent

וואָס זענען עלעמען בעקאַנט מיט זייער פּראַקטישקייט און דויערהאַפטיגקייט מיט אַ גאַראַנטיע אויף 3 יאָהר

ווי אויך לעזשאַקעס, פעלד-בעטלעך און פעלד-בענקלעך

מאַטראַצען געבעטע שאַטקאָווע, קאַנאַדיסקע קאָזעטקעס, טאַפּטשאַנעס

בעקומט מען נור אין דער בעקאַנטער פאַבריק

לאָדז, פּולנאַצנאַ 24, טעל. 113-85

הורט — דעטייל

צישעס פאַר גראַפישע אנשטאַלטען דרוקעריי־ען און פּערלאַגען

די איינציגע אידישע צינקאָגראַפיע אין לאָדז

104

טעל.: 241-24

געלבוקס

אַלע דאַרפען וויסען

אַז די פירמע

פערדער זגערזשער 7

לוטאָמירסקאַ 2 און זגערזשער 20

איז די איינציגע קוועלע, וואו מען קריגט אַמביליגסטען צו קויפען

דאַמען- און מענער-היטען

פון די נייעסטע פאַסאָנען און מאָדערנסטע קאָלירען, און גלייכצייטיג ווערט אָנגענומען צו איבערפאַסאָנירען מענער- און דאַמען-היטען פון גאָר אַלט אויף געגנצליך ניי און אַלעס צו ביליגע פּרייזען און רעעלע בעהאַנדלונג.

געדענקט די אַדרעסען!

SANATORJUM „PALACE"

פאַר דערוואַקסענע און קינדער

אין כעלמי (הינטער לאָדז)

נעהמט אָן אַלערלייע קראַנקע און רעקאָנוואַלעסצענטען.

אויפזיכט פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען.

היייל-בעדער. טעראַסען צו זון-לופט-בעדער וועראַנדעס פאַר לעזשאַקעס. הייל- און אָטעם-גימנאַסטיק, טעניס-שפּיל און אַנדערע פערוויילונגען, — לויפענדע וואַסער אין די צימערן, שעהנע געגענד און מעכטיגע וועלדער.

אידעאַלע אַפּרוה-בעדינגונגען.

Dyrektor Dr. RAKOWSKI. 3057

יעדער איינציגער האָט זיך איבערצייגט, אַז פאַר מעבעל

דיוואַנעס, פעלצען, נייה-מאַשינען, גאַרדעראָבען או"וו צאָהלט די העכסטע פּרייזען

א. וויליצמאַן שענקעוויטש 23

טעלעפאָן 191-00.

ביי מיר איז שטענדיג פערשידען געניצט מעבעל אין גוטען צושטאַנד צו פערקויפען.

2 שטיבען מיט אַקוך

מיט אַלע בעקוועהמליכקייטען, ניי רעמאָנטירט, ביליג פון זאַפּאַרט איבערצוגעבען.

צו ערפאָהרען סיענקיעוויטשאַ 89, וו. 10. 16

אַ פאַבריקס-זאַל

גרויס 12 X 32 מיט עלעקטרישער איינריכטונג אויף זאַכאָדניאַ 16, 2. שט. זאָפאָרט אָבצו-געבען. צו ערפאָהרען: THEMELIS Piotrkowska 41.

אויטאָגענישע שווייסונגען מעטאַל-בעאַרבייטונגען שלאָסעריי-ארבייטען מאַשינען-טיילען

פיהרט אויס ביליג

J. REDER, Łódź

קאָנסטאַנטינער 11/13 (רוג זאַכאָדניאַ)

מאַשין-לעכער

ווערען אָנגענומען אויסצונייען ביי ג. נאַרדמאַן שרודמיעשקאַ 8

DR. MED. J. LUBICZ

כירורג-ארטאָפּעד

פּאָלודניאָווא 9, טעל. 183-17

קראַנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פּלייצעס און גלידער

איינגענע פּראַצאָווניע פון זעטטעלפּעשע אָרטאָפּעדישע ...: ... אויף פּלאַטפוסען, ...

... און פוס, גאָרסעטען א. אז. וו.

נעהמט אָן פון 2.30 ביז 4.30 נאָכמיטאָג.

Dr. med. Haltrecht

ספּעציאַל-ארצט פאַר הויט- און גשלעכטס-קראַנקהייטען

פּיעטריקאָווער 10, טעל. 245-21

נעמט אָן פון 5—9 אָוו., זונטאָג פון 10—1 בייטאָג

פאַר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פּרייזען.

Dr. med. W. Eychner

אַקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען

וואוינט איצט 4 צעגעלניאַנאַ 4

(נעבען קינאָ „טשאַרי") טעל. 134-72

נעהמט אָן פון 1/2 2—4 און פון 7 ביז 8 אָוונט

ווייכטיג פאַר לאָדז און פּראָווינץ!

מצבות פון 30 זל. אַז

ביז צו די טייערסטע גראַניט-דענקמאַלען

פיהר איך אויס ביליג און סאָליד. אויף וואונש בעזוך איך די ג' קונדשאַפט אויך אויף דער פּראָווינץ קומט און איבערצייגט אייך!

מיט אַכטונג פירמע „GRANIT"

לאָדז, פּאָמאָרסקאַ 39. 3138

Dr. med. REICHER

פּאָלודניאָווא 28, טעל. 20193

ספּעציאַל-ארצט פאַר מענער-שוואַכע-בעהאַנדלונג קינדערלאָזיגקייט און סעקסועלע בעראַטונגען

צוריקגעקעהרט.

נעהמט אָן פון 8 — 11 פריה און פון 5 — 8 אָוונד זונטאָג און יום-טובים פון 9 — 1 בייטאָג.

אַ הייל-אנשטאַלט

פאַר אויערן, נאָז, האַלז און אָטעם-קראַנקהייטען

פון Dr. Z. RAKOWSKI

אין כעלמי (הינטער לאָדז)

נעהמט אָן אָגמעלדונגען אויף צו זיין און אָפּעראַציע, הילף. — פיזיקאַלישע היילונג, הייל-בעדער, זון-לופט בעדער, הייל- און אָטעם-גימנאַסטיק.

צו ערפאָהרען אויפ'ן אָרט אָדער 11 ליסטאָפּאַד 6 טעל. 127-81 1868

KSIĘGOWOŚĆ ZAPROWADZA

פיהרט און ערלעדיגט אַלערליי בוכהאַלטעריע-ארבייטען פאַר אַ קליינעם אָבצאָהל

ביוראָ „פּאַליוס"

אָבטיילונג פון בוכהאַלטעריע-עצות

לאָדז, פּיעטריקאָווער 82, טעל. 184-39

קויפט נור פון די 1-טע קוועלע
גרויסער אויסוואהל

שפאצירוואגענס
אייזען - ניקעל-
בעטען!
מאטראצען
ספרענזשינאוועס „Patent".
ווילזשימאטשקעס אמעריקאנער
צו בעקומען אין פאבריקס-לאגער
„DOBROPOL", Łódź
Piotrkowska 73 (אין הויף)

עלטערן!

בעפאר איהר פערשרייבט אייער קינד אין חדר צום נייעם שול-יאהר 1932–33 בעזוכט דאס

חדר „תורה ודת"

עם ג„ז=ילדים
פל. וואלנאשטשי (נייע שטאט) 6

בעקענט אייך מיט זיין סדר הלמוד און אופן פון ערציהונג, וועט איהר זעהן, דאס „תורה ודת" איז דאס איינציגע מוסטערהאפטע ערציהונגס-אנשטאלט פאר אייער קינד סיי אין למודי קודש, סיי אין למודי חול.

אינפארמאציעס און איינשרייבונגען פון נייע תלמידים פון 1–10 טעגליך. קינדער פון 4 ביז 8 יאהר ווערען אהיימגעפירט דורך א ספעציעלן מענש.

איך וויל קויפען
רונד=טריקאטאזש-
מאשינען גענוצטע אין בעסטען צושטאנד 26, 24 און 22 פיין.
אפערטען אונטער „טריקאטאזש-מאשינען". 4585

Dr. H. Reiterowski

spec. choroby płucne
Ewangielicka 1, tel. 166-90
godziny przyjęć od 3–4 i od 7–8 w.
POWRÓCIŁ.

קליינע אנאנסען

1 זלאטי
פאר א אנאנס ביז 15 ווערטער

פריוואטע לעקציעס

א יונגעל פון 16 יאהר ווערט געזוכט אין פארבען-געשעפט זאווישא 22, ביי פרידעל. 4582

נויטיג א בופעטאווע אין באר „אלא אשינגער" פיעטריקאווער 30 פון זאפארט. 4580

לאקאלען

אייניגע אנשטענדיגע יונגעלייט קענען בע-קומען לאזשי ביי אן אינטעליגענטער פאמיליע נעבען בילינען מאנאטליכען אפצאהל. צו ערפאהרען פאמארסקא 14, פראנט, 2. שט. וו. 5–4.

קויף און פערקויף

שטריק-מאשין 8-טער טיילונג, צירקא 50 צענטימעטער, קען זיין אויך שמעלער אין גוטען צושטאנד זוך איך צו קויפען. די אדרעס צו ער-פאהרען אין אדמ. פון דער צייטונג. 4578

Z powodu wyjazdu sprzedam okazyjnie meble. Wiadomość Piotrkowska 20, mieszk. 67. Obejrzeć można od 10 rano do 10 wieczór. 4589

פערשידענעס

איך נעהם אן ארבייט אויף א 12-ער און אין 9-ער סוויטער-מאשין. פראוו, זגערושער 64

די איבערגעבליבענע פון סעזאן אין א נישט גרויסער צאהל סחורות, ווי:

טישטיכער פאר גערטנער

אין געשמאקפולע מוסטערן

טאשען=טיכלער

אין שעהנע מוסטערן און פערשידענע סארטען

האנדטיכער

צום באדען, פנים און פאר דער קיך

לייכער

אין 8 פערשידענע קוואליטעטען

ספארט=העמדער

אין די נייעסטע מוסטערן און אין בעסטער אויספיהרונג

קען מען בעקומען

צו בעדייטענד פערקלענערטע פרייזן

אויף אונזער

נאך=סעזאן=אויספערקויף

ווידזעווער סחורות אין פערשידענע סארטען צו 5, 7 און צו 10 זל. פאר א פעטל.

KONSUM
PRZY „WIDZEWSKIEJ MANUFAKTURZE" S.A.
ROKICIŃSKA 54. Dojazd Tramwajami 10 i 16

די עלעגאנטסטע

דאמען-טאשען

ווואליזען אין פערשי-דענע סארטען
צו די ביליגסטע פרייזען בעקומט מען נור ביי די בעקאנטע פירמע

L. Herszfinger

לאדז, פילסודסקיעגא 44
גערענקט די אדרעס! רעיעלע בעהאנדלונג!

לעטשניצע

פון דאקטוירים=ספעציאליסטען
17 זגיערזשער 17,
טעלעפאן 116-33
ס'נעהמען אן דאקטוירים פון אלע ספעציאליטעטע
ד"ר גאלדשטיין=פאלאק, ד"ר יוסטמאן, ד"ר מ. קאנטאר, ד"ר ציעגע, ד"ר ראַ-קאווסקי, ד"ר ראזענצווייג, ד"ר רוזשא-נער, ד"ר ווייגבערג, ד"ר סטופעל, צאהן-ארצט גראדזיענטשיק-קאראשיאווא ווי אויך וויזיטען אין שטאט.
רענטגען-בעשטראלונגען, קווארץ, דיאטערמיע, עלעקטריזאציע און ערצטליכע אנאליזען.

Dr. med. Ziomkowski

הויט-, ווענערישע און געשלעכטס-קראנקהייטען
6-go Sierpnia 2
נעהמט אן פון 8 ביז 8.30 פריה, פון 2–4 נאכם. און פון 7.30 ביז 9 אווענד. זונטאג און יום-טוב פון 10—1 בייטאג
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזען.

Dr. med.
Z. Datyner

אוראלאג
ספעצ. ארצט פאר בלאזן נירען און אורין-קראנקה.
פיראמאוויטשא 2,
טעל. 148-95.
נעמט אן פון 6–8 נאכמ.

שייטלען

– מיט –
פאריזער שרינדען
ווי אויך
פערטיגע שייטלען
ווערענערשטקלאסיג און רעיעל אויסגעארבייט
און אנדולאציע
צו ביליגע פרייזען
ביי קערש,
סקווערא 15.

ביליגער ווי איבעראל

אויפ'ן זומער-סעזאן פעלד-בעטלעך פון אייגענער אויסאר-ביימונג. לעזשאקעס, האמאקעס, קינדער-בעטעלעך, אייזערנע צו-לייג-בעטלעך, מאטראצען, ספארט-וועגעלעך צו פאבריק - פרייזען עמפפעהלט

KRAJOWA CENTRALA ŁOZEK
66 Piotrkowska 66
פאדערט איבעראל די בעוואוסטע פעלד-בעטען מיט דער פירמע „CENTRA"
בעמ.: כ'בארג אויס בעטלעך אויף זומער-וואוינונגען

ווערקשטעל
פון
שירמס

און שפאציר=
שטעקענס

ס. פייגענבוים,

לאדז, נארוטאוויטשא 19
עמפפעהלט אין א רייכען אויסוואהל פון קאלירטע דאמען- און מענער=שירמס און שטעקנס צו קאנקורענץ-פרייזען.
נעמט אן אלערליי רעפעראטורן פון שירמס און שטעקנס

„SANATO"

בירורגיש=וועכנעריז-אנשטאלט

אגראדאווא 10, טעל. 213-57
1-טע און 2-טע קלאס

גינעקאלאגיש-וועכנעריז-אבטיילונג

ד"ר מעד. ש. אייגער, ד"ר מעד. י. בוים, ד"ר מע רייטלער=סוריאנסקא ד"ר מעד. ון. אייכנער
פרייז פון א געבורט
אין 2-טען קלאס צוזאמען מיט פערהיטונגס-מיטלען
200 זל.
אויפזיכט איבערן קינד ד"ר מעד. י. פאלאכאוו
כירורגישע אפטיילונגפון ד"ר מעד. ם. סאנטאר.

זיכערע הילף און א רפואה

אהז א אפעראציע, אן בלוט, אהז א מעסער און אהן בלוט-פערגיפטונג פאר קראנקע אויף קילעס פאר מענער, ווייבער און קינדער. פערשידענע קאליסעס איז גוף פאר הויסערס און פיס

פערלאזט אייך נישט, וויל דער ווינקעל-בראך ווערט גרויס אזוי ווי א מענשען-קאפ, אדער אזוי ווי א וואסער-קאן און עס פאלט אריין אין דעם פיס און דער קראנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראגדיג און שטערבליך. ספעציעל גענינע הייל-באנדאושען אויסגעצייכענט גוט דורך גרויסע פראפעסארען מיט מיינע בע-האנדלונג און פון דעמשען פראפעסאר

דאקטאר בראכירעהינד בעווייזיגען וויכער דאס שווערסטען און געפעהר-ליכסטען ברוך. אויך פאר הויקערס, לייטונגען מים הייל-גארטעטען און אפא-ראטען פאר פערקרומטע פוס און פלאט-פוס, ספעציעלע איינלאגען אין די שיך קינסטליכע גנומענע פיס און הענד, גוטענע זאקען, פאר די גרעסטע קראנקע אדערן. עמפפאנגט פון 9 ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז 7 אין אווענד.

ארטאפעדישע אנשטאלט

Specialist J. RAPAPORT, Ortoped

von Lemberg Łódź, WOLCZANSKA 10,
tel. 221-77, front, parter.

בעמערקונג: דאס פערזענליכע ערשיינען פון די קראנקע איז אונבע-דינגט נויטיג. דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזיטעטס-פראפעסארען: פראפ. ד"ר בראנטש, פראפ. ד"ר י. מאריש-לער, פראפ. ד"ר בר. קיעלאנאווסקי און אויך אנדערע.
מיר נעהמען אויך אן פערזיכערטע פון דער קראנקען-קאסע.

דאנקזאגונג.

דערמיט דריק איך אויס מיין בעסטען דאנק דעם גרויסען ספעציאליסט ה' דיר. י. ראפאפארט, וואוינהאפט אין לאדז, וואלטשאנסקא 10 פאר זיין גענצליך אויסקורירען מיך פון א שווערער ברוך-קראנקהייט.
הייגט פיהל איך מיך גענצליך געזונד.
א קראהן, רב.

[illegible]

Wydawnictwo „Najer Folksblat", sp. z o. odp. [illegible]: Ch. J. [illegible] i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. [illegible]
[illegible] i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska [illegible]